STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07861

DI YUGNTLEKHE BINE

David Bear Tierkel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד בער טירקעל

די יונגטלעכע בינע

געשיכטע פון די
אידיש - העברעאישע
דראמאטישע
געזעלשאפטן

תר"ן - - - ת"ש

ארויסגעגעבן פון דעם

קולטור קאָמיטעט

פון דער

„היברו ליטעראטור סאָסייעטי"

געזעצט און געדרוקט

ביי דער

פעדעראל פרעסס

פילאדעלפיא

1940

צו מיין ליבער פרוי

אסתר ציפה

און צו מיינע טייערע קינדער

יחיאל שלמה

דבורה טאָבע

אהרן פישעל

DAVID B. TIERKEL

The Juvenile Stage

A HISTORY

of the

YIDDISH-HEBREW DRAMATIC SOCIETIES

1890—1940

Published by
THE CULTURAL COMMITTEE
of the
HEBREW LITERATURE SOCIETY

THE FEDERAL PRESS
Philadelphia, Pa.
1940



דוד בער טירקעל

DAVID B. TIERKEL

ווי אזוי די אידישע יוגנט שפּילט טעאטער

דער אידישער לעבן אין דעם לעצטן פירטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט, די ערשטע יאָרן פון דער רוסיש־אידישער איינוואַנדערונג קיין אמעריקע, האָט געשאַפן מאַטעריאַל פאַר אַ פאַרצווייקטער בעלעטריסטיש־פּובליציס־טישער ליטעראַטור דאָ אין לאַנד. אונזערע דיכטער און נאָוועליסטן האָבן דאַמאָלט געפונען אַ שפּרודלדיקן קוואַל מיט טעמאַס, דורך וועלכע זיי האָבן פאַראייביקט דעם דאַמאָלסטיקן לעבנסשטייגער אויף ווייטער־דיקע דורות. דער אַלגעמיינער לעבן פון „די קינדער פון דער אמערי־קאַנער געטאָ", וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט מיט דערנער אויף שריט און טריט, איז שוין באַשריבן געוואָרן בפּרוטרוט פון די פּייאָנערע אידישע שרייבער פון יענער צייט. די טעמאַטיק איז כמעט ביי אַלעמען געווען די זעלבע; דער אַנגעווייטיקטער, אָרעמער לעבן איז געווען דער פאָדעם וואָס האָט דורכגעוועבט דעם שאַפן פון יעדן שרייבער.

פון קולטורעל־געזעלשאַפטלעכן לעבן איז צו אונז ווייניק דערגאַנגען. ווי אַזוי האָבן אידן פאַרבראַכט זייער פרייע צייט? ווי אַזוי האָט אויס־געזען דער אינטים־געזעלשאַפטלעכער לעבן? ווי אַזוי האָט דער יונגער דור פאַרבראַכט אין דער פרייער אַטמאָספער פון זיין אַדאָפּטירטן לאַנד? וועגן דעם דאָזיקן וויכטיקן טייל פון אידישן לעבן איז ווייניק בנמצא אין די אַנאַלן פון די היגע אידישע קהלות.

ערשט אין יאָר 1925, האָט דער אידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטי־טוט אין ווילנע, דערמוטיקט צו גיין אויף די „שמות־קברים", אויף די בוידעמער פון בתי מדרשים, אין די גניזה׳ס פון די אידישע קהלות, אין די רעגירונגס ביבליאָטעקן און אַרכיוון. אין אַ רוף צו די אידן איבער דער גאַנצער וועלט האָט דער „איוואָ" אויפגעפאָדערט צוזאַמענצוקלייבן די שברי לוחות, אויפצובאַהאַלטן אַלטע פּנקסים, צונויפצוזאַמלען אַלע דאָקומענטן וועגן אידישן פאָלקלאָר, טעאַטער און געזאַנג. דער רוף פון דעם „עת כנוס" האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג, און די בויער פון אידי־שער קולטור אין אַמעריקאַ האָבן געגרינדעט אַן אָפּטיילונג פון דעם אידישן וויסענשאַפטלעכן אינסטיטוט און גענומען זאַמלען דאָקומענטן און פאַקטן וועגן דעם אידישן קולטור לעבן דאָ אין לאַנד.

אַט די דאָזיקע זאַמלונג־אידייע האָט אויך מיך אריינגעצויגן אין דער כנוס־ארבעט. איך האָב מיין מאַטעריאַל אייגנטלעך ניט געדאַפט גיין זוכן; ביי מיר געפינט זיך א באדייטנדיקער ארכיוו פון אַלטע אידישע און העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלן, טעאטער־פּראָגראַמען, פלוג־בלעטער, כתב־ידן, פּיעסן, בילדער און בריוו. האָבן די פירער פון דעם אמעריקאַנער אָפּטייל פון דער „איוואָ" זיך דערוואוסט וועגן מיין זאַמלונג, און כדי דער מאַטעריאַל זאָל ניט גיין לאיבוד, האָבן זיי מיך גע־עצה'ט אָנצושרייבן די דאָזיקע ארבעט וועגן אידישן טעאטער אין פּילאַ־דעלפיא. בין איך צוגעטראָטען צו דער ארבעט און אָנגעהויבן מיט דער טעטיגקייט פון אונזערע יוגנטלעכע גרופּן, די „ליטעראַריש־דראַמאַ־טישע געזעלשאַפטן", וועגן וועלכע עס איז נאָך ביז איצט זייער ווייניק געשריבן געוואָרן.

צייט און אָרט איז אין דעם דאָזיקן ווערק א לאו דוקא. די באשריי־בונג פון ליטעראַריש־דראַמאַטישע געזעלשאַפטן באציט זיך ניט בלויז אויף איין שטאָדט נאָר אויף א סך גרויסע אידישע קהלות דאָ אין לאַנד. אזעלכע געזעלשאַפטן געפינען זיך אין נויאָרק, שיקאַגאָ, און אין אנדערע גרויסע אידישע קיבוצים. פון די זעלביקע גרופּעס זיינען אויסגעוואַקסן באוואוסטע אידישע שוישפּילער, וועלכע פאַרנעמען איצט א באדייטנ־דיקן אָרט אין דער אידישער טעאטער־וועלט.

וועט טאַקע דער לייענער פון „די יוגנטלעכע בינע" געפינען נעמען פון שוישפּילער, דראַמאַטורגן, רעזשיסאָרן, וואָס זיינען געקומען פון אנדערע שטעדט אין לאַנד, און האָבן מיטגעארבעט מיט די פילאַדעלפיער אַמאַטאָרן אין דעם אָדער יענעם דראַמאַטישן קלוב. אין די וויטער־דיקע קאַפּיטלאַך וועט דער לייענער געפינען נעמען פון מענטשן וועלכע זענען פאַרבליבן היסטאָריש אין דער אידישער טעאטער־וועלט. דער זעלבער ארט לעבן און טעטיגקייט פון די פילאַדעלפיער יונגע טעאטראַלן, קען אויך אָנגעווענדט ווערן אויף די דראַמאַטישע גרופּעס פון אנדערע שטעדט. דורך דעם דאָזיקן ווערק וועט דער לייענער האָבן א באגריף ווי אזוי א גרויסער טייל פון אונזער יוגנט האָט פאַרבראַכט איר לייִדיקע צייט און געהאָלפן בויען א טייל פון דער אידישער קולטור דאָ אין לאַנד.

ד ו ד ב ע ר ט י ר ק ע ל.

פילאַדעלפיע, 1940.



ע ל י א ס   ג אָ ל ד י נ ס ק י

גרינדער פון דער ערשטער דראמאטישער געזעלשאפט אין פילאדעלפיא אין
1891. די גרופּע האָט זיך גערופן „רוסקי דראַמאַטיטשעסקי קרוזשאָק"
און האָט געשפּילט אין דער רוסישער שפּראך.

ELIAS GOLDINSKY

Founder of the First Dramatic Society in Philadelphia

ערשטער קאפיטל

דער אָנהויב פון דראמאטישע געזעלשאפטן אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט.—אידישע יוגנט שפילט טעאטער אויף רוסיש.— דער „רוסקי דראמאטיטשעסקי קרוזשאָק".— עליאס גאָלדינסקי דער גרינדער. — אויפקום פון דער „היברו ליטעראטור סאָסייעטי".—אונטערנעמונגען לטובת דער רוסישער רעוואָלוציע. — דר. חיים ספיוואק שפילט טעאטער. — דער ערשטער אויפטריט פון סעם קעסטין. — 2 קאָנצערטן לכבוד אברהם גאָלדפאדען און יעקב גאָרדין.

דראמאטישע געזעלשאפטן הויבן זיך אָן באוויזן אין פילאדעלפיער אידישן לעבן אין סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. אן אינטעליגענטער קרייז אימיגראנטן פון דער רוסיש־אידישער יוגנט, בענקט נאָך דעם היימישן געזעלשאפטלעכן לעבן. א צאָל פון זיי זיינען געוועזן סטודענטן אין בערך דעם פּאָגראָם־יאָר 1881, און זיינען ארייַנגענומען געוואָרן אין מיטעלע און העכערע שולן בלויז לויט דער פּראָצענט נאָרמע. א טייל פון די דאָזיקע יונגע אימיגראנטן, זיינען אויך געוועזן טעטיק אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון יענער צייט.

די דאָזיקע יונגע מענטשן האָבן שוין אין דער היים באזוכט רוסיש טעאטער, און זיינען געוועזן באקאנט מיט דער רוסישער דראמא און אירע שרייבער. מערסטע פון זיי זיינען געקומען פון די גרעסטע שטעדט אין רוסלאנד: קיעוו, אָדעס, יעליסאוועטגראד און אנדערע שטעדט, וואו אידן האָבן געוואוינט אין א סביבה פון רוסישער קולטור. זיינען זיי טאקע פארבליבן אויף א היפשער צייט נאָך זייער אָנקומען קיין אמעריקא, צוגעבונדן צו דער רוסישער שפּראך. זייער געזעלשאפטלעך לעבן האָט געטראָגן דעם חותם פון דער קולטור אין דער אלטער היים.

די דאָזיקע אימיגראנטן־גרופּע איז ניט געוועזן זייער גרויס, אָבער איר השפּעה האָט זיך שטארק געפילט אויף דער היגער אידישער גאַס. זיי, די דאָזיקע יונגעלייט, זיינען געשטאנען העכער אין קולטור און אין מאָדערניזם פון דעם דורכשניטלעכן אידישן אימיגראנט. ביי זיך אין שטוב האָט מען נאָך אלץ גערעדט רוסיש. אין שאפּ, אָבער, האָט מען

געארבעט זייט־ביי־זייט מיט דעם פּראָסטן אידן, מיט דעם אפּרייטאר אין דער נאָדל־אינדוסטריע, מיט דעם ציגאַרן־מאכער און מיט אנדערע בעלי מלאכות, און מען האָט דאָרטן שוין גערעדט מאמע־לשון.

האָבן א טייל פון די דאָזיקע יונגע אידישע אינטעליגענטן זיך אָרגאניזירט אין א קלוב, וואָס האָט זיך גערופן „בראטסקאיא פּאָמאשטש״ (ברידערליכע הילף). דער נאָמען פון קלוב איז שפּעטער געביטן געוואָרן אויף „רוסקי דראַמאטיטשעסקי קרוזשאָק״ (רוסיש־דראמאטישער צירקל). דער צוועק פון „קרוזשאָק״ איז געווען ניט בלויז דער באגער און ווילן צו דער דראמאטישער קונסט, ווי עס איז דער פאל מיט אנדערע דראמאטישע אָרגאניזאציעס פון יונגע מענער און פרויען, נאָר דער פארבאנד פון דער דאָזיקער רוסישער יוגנט איז געווען דורכגעוועבט מיט א שיינעם אידעאל. די הויפּט־אויפגאבע פון דעם קרוזשאָק איז געווען, צו געבן פאָרשטעלונגען אין רוסיש מיט דעם צוועק צו זאמלען פאָנדן אין אמעריקא פאר דער „באָיעוואיא אָרגאניזאציע״ און אנדערע רעוואָלוציאָנערע געזעלשאפטן אין רוסלאנד, וועלכע האָבן געזוכט צו פארניכטן דעם צארנטום.

מערסטע פון די דאָזיקע אימיגראנטן האָבן מיט זייערע אויגן צוגעזען די שחיטות אויף אידן, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אָרגאניזירט. זיי האָבן געזען ווי די קאזיאָנשטשינע באָדט זיך אין בלוט פון אידישן פאָלק, און זיי האָבן באשלאָסן צו געבן זייער חלק, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, אומצוברענגען די בייזוויליקע הערשאפט פון די ראָמאנאָווס. א געוועזער אימיגראנט, עליאס גאָלדינסקי 1), א פאָטאָגראפער ביים פאך, האָט דאָס צוזאמענגעשטעלט דעם דאָזיקן רוסיש־דראמאטישן קלוב אין די ערשטע ניינציקער יאָרן.

אין די אוונטן — דערציילט גאָלדינסקי — פלעגן זיך פארזאמלען די יונגעלייט ביי מיר אין סטודיאָ, 270 ס. סעקאָנד סטריט, אָדער אין אן

---

1) עליאס גאָלדינסקי איז געבוירן געוואָרן דעם 9טן סעפּטעמבער, 1867, אין א קליין שטעדטל לעבען קיעוו, רוסלאנד. געקומען קיין פילאדעלפיע איז ער אין 1891, און אָרגאניזירט דעם ערשטן רוסיש־דראמאטישן קלוב. ווען מאקסים גאָרקי איז געקומען קיין פילאדעלפיע אין 1905, האָט ער פארבראכט ביי גאָלדינסקיין אין הויז.

אנדער הויז, און דאָרט האָט מען שטודירט די פּיעסן און געמאַכט רעפּעטיציע. עס האָט ניט גענומען לאַנג, און די קליינע גרופּע האָט זיך געפילט קאָמפּעטענט גענוג אויפצוטרעטן אין דער עפנטלעכקייט און שפּילן טעאַטער.

איידער ס'ווערט דערציילט וועגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון רוסישן קלוב (רוסקי דראַמאַטיטשעסקי קרוזשאָק) און אַנדערע דראַמאַטישע געזעלשאַפטן אינם לויף פון דעם דאָזיקן ווערק, איז נויטיק צו געבן מער באַלויכטונג וועגן אַ קולטורעלער אָרגאַניזאַציע געגרינדעט אין פילאַדעלפיע אין די ערשטע יאָרן פון דער אידישער איינוואַנדערונג אַהער.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, די „היברו ליטעראַטור סאָסייטי", איז געגרינדעט געוואָרן אין 1885, מיט דעם צוועק צו פאַרשפּרייטן קולטור און בילדונג צווישן די היגע אידן. אין דער געביידע פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי האָבן פאַרשידענע ליטעראַריש־דראַמאַטישע געזעלשאַפטן געמאַכט זייער היים. דאָרט האָבן זיי שטודירט די ראָלן פון די פּיעסן וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין דעם אויידיטאָריום, דאָרט האָבן זיי געמאַכט רעפּעטיציע, דעבאַטירט און אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון אַ פּיעסע, דאָרט האָבן זיי אויך געהאַלטן לעקציעס איבער דער אידישער און ניט־אידישער דראַמאַ.

אַ קליינע גרופּע אינטעלעקטן האָבן געזוכט נאָענטע התקרבות צו פאַרברענגען די לײדיקע צייט אין אַ ליטעראַרישער סביבה. דזשאָרדזש גאָוואַרד, אַן אָדעסער איד, וועלכע איז געקומען קיין פילאַדעלפיע אין 1882, דערציילט, אַז ער מיט נאָך עטלעכע יונגע אימיגראַנטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין חודש פעברואַר, 1885, אין אַ הויז אויף 111 מאַרגייט גאַס, און דאָרטן פאַרמירט די „ראָשיען־אַמעריקען אַסאָסיאיישאָן" (רוסיש־אַמעריקאַנער געזעלשאַפט).

אין יענער געזעלשאַפט האָבן זיך געפונען: מאָרים ליפּשיץ, פאַרזיצער, וויליאַם הינדין, עמאַנועל לופין, סאָלאָמאָן באַראָוועי, קלאַראַ נאַטקין, אברהם גאָלדשטיין, פאָמעראַנץ און נאָך עטלעכע יונגעלייט, וועלכע האָבן געשטרעבט צו קולטור און בילדונג. אין עטלעכע חדשים

ארום איז דער נאָמען געביטן געוואָרן אויף „היברו ליטעראַטור סאָסייטי”.

אין דעם זעלבן הויז, וואו די ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, האָבן די מיטגלידער געעפנט א ביבליאָטעק מיט אן אָנהייב פון 50 ביכער, וואָס די חברים האָבן מנדב געווען. די ביבליאָטעק איז געווען אָפן צוויי אָוונטן א וואָך, פון 7 ביז 11 א זייגער. אין 1886 האָט די געזעלשאַפט דורכגעפירט א מאַסקאַראַד באַל, און מיט דעם ריוח געקויפט נייע ביכער.

מיין כונה איז דאָ ניט צו שרייבן די געשיכטע פון דער דאָזיקער וויכטיקער אינסטיטוציע — די היברו ליטעראַטור סאָסייטי 2). פונדעסטוועגן, צוליב דעם היסטאָרישן ווערט פון דעם אַנשטאַלט, וואָס עקזיסטירט נאָך עד היום און וואו די מזרח אייראָפּייאישע אידן האָבן געפונען אַן אָרט צו באַפרידיקן זייער לוסט נאָך בילדונג און קולטור, וועל איך דאָ איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דעם „טשאַרטער”, וואָס איז באַוויליקט געוואָרן פון דעם שטאַאַט פּענסילווייניע, צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געגרינדעט די היברו ליטעראַטור סאָסייטי.

דער טשאַרטער איז דאַטירט דעם 23־טן אָקטאָבער, 1893, און איז אונטערגעשריבן פון ריכטער דזשאָזעף אַליסאָן אין קאָורט אָוו קאָמאָן פּליעס נומער 1, קאָונטי און סיטי אָוו פילאַדעלפיע.

פּאַראַגראַף 1: דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע זאָל זיין „היברו ליטעראַטור סאָסייטי”.

פּאַר. 2: די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע איז געגרינדעט מיט דעם צוועק צו דערמוטיקן און דורכפירן דעם שטודיום פון העברייאישער ליטעראַטור; אויפצוהאַלטן און אונטערשטיצן א ביבליאָטעק און פרייע לעזעצימערן; צו לערנען די מיטגלידער און אַנדערע דורך דער אויפהאַלטונג פון א שול וועזן; צו געבן לעקציעס, אונטערהאַלטונגען א. אז. וו. (מיט דעם וואָרט „אונטערהאַלטונגען” ווערט אויך פאַרשטאַנען די

---

2) א פולשטענדיקע געשיכטע פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי געפינט זיך אין א קופּערנעם קעסטעלע אונטער דעם גרונדשטיין, געשריבן פון דוד ב. טירקעל.



ד ז ש אָ ר ד ז ש   ג אָ װ אַ ר ד
איינער פון די גרינדער פון דער „היברו ליטעראַטור סאָסייעטי״,
ווי ער האָט אויסגעזען אין 1885.

GEORGE GOWARD

Sole survivor (1940) of the founders of the "Hebrew Literature Society" in 1885.

פאַרמירונג און אויפהאלטונג פון ליטעראריש־דראמאטישע געזעל־שאפטן).

פאר. 3: די געשעפטן פון דער קאָרפּאָראַציע זאָלן אָנגעפירט ווערן אין דער שטאָט פילאדעלפיע, אין דער קאונטי פילאדעלפיע, אין דעם שטאַאַט פענסילווייניע.

די נעמען און אדרעסן פון די דירעקטאָרן פאר דעם ערשטן יאָר זיינען ווי פאָלגט: פּרעזידענט—דזשאָרדזש גאָווארד, 526 סיגעל סטריט; וויים פּרעזידענט — יהודה בראָוועי, 313 ספּרוס סטריט; סעקרעטאר — א. ב. קאָהן, 504 ס. 4טע סטריט; טרעזשורער—מארקוס גאָלדמאַן, 6 עלם פּליים; פינאַנץ סעקרעטאר — מאַקס פרענקעל, 440 נ. 4טע סטריט; לייברעריען—מאקס ווערבלום, 313 ספרוס סטריט; מאָרים ליפּקאָוויטץ, 312 נאָובל סטריט; שבתי פרידמאַן, 634 קארווער סטריט; טשארלס גאָרסאָן, 921 ארטש סטריט; דזשאָזעף לואים, 934 ס. 3טע סטריט; נייטען הערר, 1142 ס. 7טע סטריט; דזשייקאָב געצאָוו, 216 לאָמבארד סטריט.

פאר. 4: די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע זאָל עקזיסטירן אויף אייביק (פּערפּעטשועל).

פאר. 5: די צאָל דירעקטאָרן זאָל באַשטיין פון צוועלף, איינשלי־סענדיג א פּרעזידענט, וויים־פּרעזידענט, סעקרעטאר, טרעזשורער, פי־נאַנץ סעקרעטאר און א לייברעריען.

אין 1893 האָט זיך די היברו ליטעראטור סאָסייטי געפונען אין א גערמאַנער געביידע אויף 322 ביינברידזש סטריט. ביים אריינגאַנג איז געווען אן אָרטאָדאָקסישע שוהל וועלכע האָט אויך געדינט אלס לעזע זאַל, און אין א הינטער־צימער איז געווען די ביבליאָטעק אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען העברעאישע, אידישע און רוסישע ביכער. דער ביבליאָטעקאר איז געווען דוד פעלדמאַן (איצט דאָקטאָר פעלדמאַן). אין א פּאָר יאָר ארום האָט דער קולטור אנשטאַלט זיך איבערגעצויגן אין א גרעסערער וואוינונג אין 226 קעטרין סטריט. צוליב דעם גרויסן שטראָם אידישע אימיגראַנטן איז דער נייער אָרט אויך געוואָרן ענג, און די דירעקטאָרן האָבן באַשלאָסן קויפן א גרויסע, אייגענע געביידע.

אין 1899-1900 אין דוד פעלדמאַן געווען דער פּרעזידענט און אדאָלף וואקס, וויים פּרעזידענט. ער, דער פּרעזידענט האָט דאן פּאַ־

רופן א פארזאמלונג פון פירער אויף וועלכער ער האָט דערקלערט הלצה'דיק: „היות די אָרגאַניזאַציע איז אָרעם און קאָן אפילו ניט צאָלן די 25 דאָלאר א חודש דירה געלט, בכן דארף מען קויפן אן אייגענע גרויסע געביידע וואָס זאָל האָבן גענוג פּלאַץ פאר די הונדערטער באַזוכער פון אונזער ביבליאָטעק".

אַלע פארזאמלטע האָבן זיך הארציק צעלאכט, אָבער ניט דער פרעזידענט. ער איז געווען שטארק ערנסט, און געגלויבט אין זיין אייגענער ענערגיע. ער האָט טאקע תיכף אונטערנומען אן אקציע, און איז געווען היפּשלעך דערפאָלגרייך. די ערשטע גרויסע נדבה, גאנצע פינף הונדערט דאָלאר, האָט געגעבן דער באַנקיר מאָריס ראָזענבאום, אן אונגארישער איד מיט א גרויסע מאָס אינטעליגענץ און א הארץ וואָס איז געווען ברייט אָפן פאר יעדער קולטורעלער אונטערנעמונג. (ער איז אויך געווען דער ארויסגעבער פון דער ערשטער אידישער צייטונג אין פילאדעלפיע, „דאָס ליכט", א וואָכנבלאט, אין יאָר 1891. 3)

א צווייטער מעצענאט איז געווען מאָריס פעלז, א זייף פאבריקאנט, וועלכער איז שפּעטער בארימט געוואָרן אלס באגרינדער און פראָפּאַגאַנדיסט פון דער „סינגעל טעקס" אידייע. מר. פעלז האָט אין א משך פון א קורצער צייט בייגעשטייערט די סומע פון זיבן טויזנט דאָלאר.

ס'האָט געדויערט בלויז איין יאָר, און דער חלום פונם פּרעזידענט איז פולשטענדיק פארווירקלעכט געוואָרן. אין אָנהויב 1903 איז די אַלטע געביידע איבערגעבויט געוואָרן אויף דריי שטאָק הויך, און שטייט נאָך ביז היינט אויף 12-310 קעטהרין סטריט. אין דער געביידע געפינט זיך א גערוימער לעזע-זאַל, אן אודיטאָריום מיט דריי הונדערט זיץ-ערטער, וואו ס'קומען אָפּט פאָר לעקציעס, פאָרשטעלונגען און סתם פארוויילונגען. אויך איז דאָ א ביבליאָטעק אין וועלכער ס'געפינען זיך טויזנטער ביכער אין העברעאיש, אידיש, רוסיש, דייטש

---

3) זע: ביבליאָגראפיע פון דער אידישער פרעסע אין פילאדעלפיע, דוד בער טירקעל, פנקס, באנד 1, 28־1927, ניו יאָרק, זייטן 262־260.

און ענגליש און אויך א גרויסע צאָל ציימונגען און זשורנאַלן פון כמעט אַלע לענדער וואו אידן געפינען זיך.

אויפן דריטן שטאָק איז דאָ א גרויסער זאַל פאר גימנאסטיק און עטלעכע קלענערע חדרים פאר שאך־שפיל, קונסט־סטודיע, א. א.

יעדער מאָל ווען דער „קרוזשאָק" פלעגט האָבן א פאָרשטעלונג, איז זיך צונויפגעקומען א גאָר גרויסער עולם וואָס האָט עס געהאלטן פאר א היילקער מצוה בייצושטייערן זייערע קוואָדערס און האלבע דאָלארס פאר די רעוואָלוציאָנערע פאָנדן. געקומען איז מען פון די סאמע וויטסטע ווינקעלעך פון שטאָדט, און מען האָט טאקע, אגב, אויך שטארק הנאה געהאט פון זען א פיעסע אין דער שפראך פון „מאטושקא ראססיא."

מערסטע פאָרשטעלונגען זיינען פאָרגעקומען אין קעלי'ס האָל, 831 קריסטשען סטריט, אָדער אין דער „היברו ליטעראטור סאָסייטי". גאָר גרויסע פאָרשטעלונגען האָט מען שוין אויפגעפירט אין דער היגער „אקאדעמיע אָף מוזיק" אָדער אין „האָרטיקולטשוראל האָל", בראָד און לאָקוסט סטריט. 4).

אין יאָר 1893, אונטער דער אדמיניסטראציע פון פרעזידענט גראָווער קליוולאנד, האָט דאָס לאנד געליטן פון א שטארקן עקאָנאָמישן קריזיס. די ארבעטסלאָזיגקייט האָט זיך געפילט אין כמעט יעדן הויז, און די נויט איז געווען אומגעהויער גרויס. יעדע שיף האָט דאמאָלט געבראכט מיט זיך נייע מחנות אימיגראנטן, דערשלאָגענע און דערדריקטע, און דער רוב פון זיי האָט ניט געהאט קיין גואל און קיין פריינט. זיי האָבן זיך ארומגעדרייט פארצווייפלט איבער די גאסן, געזוכט צו פארדינען אויף א שטיקל ברויט, אָבער אָן וועלכן דערפאָלג. סופּ־קיטשענס און ברויט־קלייטן זיינען דערעפנט געוואָרן אין אסך שטאָדטישע קווארטאלן, און מחנות מענשן זיינען טאָג און נאכט געשטאנען אין דער ריי צו קריגן א שיסעלע זופּ אָדער א לאבן ברויט.

אָט אין יענער צייט, אין אָקטאָבער, 1893, האָט דער „רוסקי דראַמאטיטשעסקי קרוזשאָק" געגעבן אין קעלי'ס האָל א פאָרשטעלונג אויסשליסלעך פארן בענעפיט פון די הונגעריקע איינוואנדערער. דער

---

4) אויף יענעם אָרט געפינט זיך איצטער דער שובערט טעאטער.

נאָמען פון דער פיעסע ווערט ניט אָנגעגעבן אין באריכט, וואָס איז דערשינען אין „פאָלקסוועכטער" 5). די איינגאמע פון יענעם אוונט איז געווען 141.85 דאָלער, און דער ריינער ריוח — ארונטערעכנדיק די אויסגאבן, האָט באטראָפן 92.99 דאָלער. אין די דעטאלן פון די הוצאות גייען אריין: רענט פאר קעלי'ס האָל, 15 דאָלער; אדווערטייזמענטס, 8 דאָלער; שמינק, פאודער, דעקאָראציעס, א. אז. וו. 7.07 דאָלער; פראָגראַם-סירקולאַרן אין רוסיש, 4.40 דאָלער; קאסטיומען, 2 דאָלער; קאפירן די ראָלן, 2 דאָלער א. אז. וו. די דאָזיקע ציפערן גיבן א באגריף ווי אזוי די געשעפטן פון דראמאטישע געזעלשאפטן זיינען דאמאָלט געפירט געוואָרן.

א גרויסע אונטערנעמונג פון דעם „רוסקי קרוזשאָק" ווערט פאר־צייכנט אין אן אַנאָנס אין „פאָלקסוועכטער" דעם 6טן אפּריל, 1894. די פאָרשטעלונג איז געגעבן געוואָרן אין קעלי'ס האָל, מיטוואָך, דעם 25טן אפּריל, דעם זעלבן יאָר. יענעם אוונט איז געשפּילט געוואָרן „זשעניטבא" (א חתונה) פון גאָגאָל, א קאָמעדיע אין פינף אקטן, און אן איינאקטער „סאָל סופּרוזשעסטוואָ" (דער טעם פון פאמיליע־לעבן). דער פּראָפיט איז געגאנגען פאר דער היברו ליטעראטור סאָסייטי.

דער פּערסאָנאל איז באשטאנען פון דר. חיים ספּיוואק, און זיין פרוי, מיס מאנדלשטאם (איצט די פרוי פון דר. צימערמאן), מיס גאָלדשמידט, עליאַס גאָלדינסקי, דר. לעאָ גארטמאן, דר. ס. וו. סאנץ, מ. ריטש, מר. גלאזמאן, מר. צענטנער, מר. סעמיאָנאָוו און א. לינטאָן. דער פּרייז פון בילעטן איז געווען: 25, 35 און 50 סענט.

דער רעפּערטואר פון דער רוסישער געזעלשאפט איז געווען אויס־שליסלעך א רוסישער. עס זענען געשפּילט געוואָרן פּיעסן פון גאָגאָל, טשערנישעווסקי, טשעכאָוו, און אנדערע באוואוסטע רוסישע שריי־

---

5) דער „פאָלקסוועכטער" איז געווען א וואָך־צייטונג, וואָס איז דערשינען אין פילאדעלפיע רעגלמעסיק, פון 18טן אויגוסט, 1893, ביז דעם 3טן אויגוסט, 1894, ארויסגעגעבן פון בערנארד הערים און יאָהאן פאלעי (פּנקס „אמעריקאנער סעקציע איוו"א, נויאָרק, 1928) „ביבליאָגראפיע פון אידישע צייטונגען אין פילאדעלפיע", דוד בער טירקעל.

געביידע פון דער היברו ליטעראטור סאָסייעטי — איבערגעבויט אין 1904,
אויף 310-312 קעטרין סטריט, פילאדעלפיא.

Building of the Hebrew Literature Society
310-312 Catharine Street

בער, אויך איבערזעצונגען פון פוילישע און דייטשע דראמאטורגן.

די מיטגלידער זיינען געווען: דר. חיים ספיוואק, דר. לעא גארט־מאן, מעדיקער; דר. ס. וו. סאנץ און דר. לעא א. עפראן, דענטיסטן; סאמואיל גענשטיין, אינזשעניר־כעמיקער; עליאס גאלדינסקי, קונסט־פאטאגראפער; מ. ריטש, גלאזמאן, צענטנער, סעמיאנאוו, שיינאוור־סקי, העקער, ווילענקין, ווערבלום, אלע ארבעטער און געשעפטסלייט. די פרויען מיטגלידער זענען באשטאנען פון מאדאם דר. ספיוואק, מיס מאנדלשטאם, מיס גאלדשמידט, מאדאם א. לינטאן, מאדאם שיינאוור־סקי, מאדאם צענטנער און ראזע בליצשטיין.

דער „רוסקי דראמאטיטשעסקי קרוזשאק", האט אנגעהאלטן ביז ארום 1898, ווען דאס אידישע טעאטער אין פילאדעלפיע איז געווארן א שטענדיקע אינסטיטוציע. די רוסיש־אידישע אינטעליגענץ איז דורך דער צייט אי פאראידישט און אי אמעריקאניזירט געווארן. זיי פלעגן באזוכן אי דאס אידישע און אי דאס אמעריקאנישע טעאטער. אגב, זיינען די מיטגלידער פון „רוסישן קרוזשאק" עלטער געווארן, און מען האט זיך אפגעגעבן מער מיט פראפעסיעס, געשעפטן און ארבעט.

באלד נאך דער גרינדונג פון דעם „רוסקי דראמאטיטשעסקי קלוב" האט סעם קעסטין, צוזאמען מיט דר. מאקס שטאלער, ווערבלום און אנדערע, אויך ארגאניזירט א גרופע אונטער דעם נאמען „סטאר ספע־שעלטי קלוב". דר. שטאלער איז געווען א גרויסער ליבהאבער פון מוזיק, און פלעגט שפילן אויף גיטאר מיט א גרופע „מינסטרעלס". מיט'ן קלוב האט אויך געשפילט דזשעני מאגולעסקי, שפעטער די פרוי פון דר. שטאלער. דער קלוב האט אויפגעפירט די פיעסע „דער סיילאר אין געפאר", וואו קעסטין האט געשפילט, „נחום, דער ניוסבאי". „דער סיילאר אין געפאר", וועלכער איז געשפילט געווארן אין האל 510 ס. 3טע סטריט, איז געווען דער ערשטער פארזוך וואס סעם קעס־טין האט געמאכט צו שפילן טעאטער. זייט דאמאלט האט שוין קעסטין מער ניט פארלאזט די אידישע בינע.

אין די ערשטע פיר־פינף יאר פון צוואנציקסטן יארהונדערט, הערט מען כמעט ניט פון ליטערארישע געזעלשאפטן אין פילאדעלפיע. עס פלעגן געגעבן ווערן קאנצערטן, אבער ניט פון קיין ספעציעלע דרא־

מאטישע געזעלשאפטן. דאָס אידישע לעבן האָט איבערהויפּט אָנגע־נומען א פאָרם פון היים־צוזאמענקונפטן. זונטיק פלעגט מען גיין צוגאסט איינער צום אנדערן. אין דער היים האָט זיך גאנץ אָפט גע־פונען איינער פון דער פאמיליע, וועלכער האָט געקענט אונטערהאלטן אויף דער פיאנאָ, אָדער אנדערע מוזיקאלישע אינסטרומענטן. עס פלעגן אויך דעקלאמירט ווערן מאָריס ראָזענפעלד'ס „אידישע פּעק־לעך", „אויפן בוזעם פונם ים", „ברויט מיט טיי", און לידער פון דוד עדעלשטאט, י. באוושאווער, און א. שארקאנסקי.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען א נייע אידישע יוגנט איז אונטער־געוואָקסן און פון יענער זייט ים זיינען געקומען יוגנטלעכע אימי־גראנטן, הויבן זיך ווידער אָן צו אנטוויקלען ליטערעריש־דראמאטישע געזעלשאפטן 6). דאמאָלט האָבן זיך אָרגאניזירט „דער אפּטאון דראמאטיק קלוב," „די דראמאטישע געזעלשאפט" פון דער היברו ליטעראטור סאָסייטי, „דראמא גילד", „די יונגע פרייע פאָלקס בינע", „י. ל. פּרץ געזעלשאפט", „די י. גאָרדין דראמאטישע געזעלשאפט", „די מענדעלע מוכר ספרים ליטערעריש דראמאטישע געזעלשאפט" און „דאָס ליטעראַרישע קונסט ווינקעל". וועגן די דאָזיקע געזעלשאפטן, וועט דער לייענער געפינען אין די ווייטערדיקע קאפּיטלעך פון דעם דאָזיקן ווערק.

צווישן די אונטערנעמונגען וואָס טראָגן ניט קיין טעאטראלן כאראק־טער, אָבער וואָס זיינען פון היסטאָרישן ווערט, זיינען געווען צוויי קאָנצערטן און פאָרלעזונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם זאל פון דער היברו ליטעראטור סאָסייטי אין צוויי פאַרשידענע יאָרן. סוף אָק־טאָבער, 1905, 7), האָט די היברו ליטעראטור סאָסייטי דורכגעפירט אן ערן־אוונט לכבוד אברהם גאָלדפאדען. דאָס איז געווען א קאָנצערט, אין וועלכן עס האָבן זיך באטייליקט באוואוסטע ארטיסטן־שוישפּילער פון נויאָרק, און אין וועלכן עס האָבן אויך אנטייל גענומען פּראָמינענטע

---

6) זע: פילאדעלפיער אויסגאבע „דער טאָג", 23טן נאָוועמבער, 1924, „ליטעראריש־דראמאטישע געזעלשאפטן", פון אהרן קאניעווסקי.

7) זע: „דער ליטעראַרישער שטראַל" אָקטאָבער, 1905, א חודש־זשורנאל, ארויסגעגעבן פון דער היברו ליטעראטור סאָסייטי, פילאדעלפיע.

GRAND PERFORMANCE

BY THE

Russian Dramatic Circle,

FOR THE BENEFIT OF THE

Hebrew Literature Society,

on Wednesday Eve., April 25, 1894,

AT

Kelly's Hall, 8th & Christian Sts.

I. ЖЕНИТЬБА.

(a marriage), by Gogol, Comedy in 5 acts

II SOIL SUPRUJESTVA, (the Essence of Matrimony) Vaudeville in one act

---

איינע גרויסאַרטיגע פאָרשטעלונג

פאר דעם בענעפיט פון דער

היברו ליטעראטור סאסייטי,

אם מיטוואך אבענדס, דען 25טען אפריל, 1894,

אין קעללי׳ס האָלל, 8טע אונד קריסטיאן סט.

1. זשעניטבאַ, פון גאָגאָל. 2. דער טעם פון פאמיליען לעבען.

טיקעטס: 25, 35 אונד 50 סענט.

פ ע ר ס אָ נ אַ ל:

דר. אונד מרס. ספיוואק. מיס מאנדעלשטאם, מיס גאלדשמיד, העררען: גאלדינסקי, נארטמאן, סאניץ, ריטש, נלאזמאן, צענטנער, סימיאנאף אונד מאדאם לינטאן.

טיקעטס צו בעקומען ביי —

ס. זילבערשטיין, ליקאר סטאר, 830 סויטה סט.; לאדער׳ס אפאטהעקע, נ. א. קאר. 6טע אונד לאמבארד סט.; אין דער היברו ליטעראטור סאסייטי, 322 ביינברידזש סט.

אנאָנס אין וואָכענבלאט „דער פאָלקס וועכטער", פילאדעלפיא,
23־טן מערץ, 1894.

רעדנער. דער ערן־גאסט, אברהם גאָלדפאדען, האָט גערעדט איבער דעם אָנהויב פון אידישן טעאטער, וועלכן ער, גאָלדפאדען, האָט געגרינדעט.

„דער דאָזיקער צווייג פון קולטור איז אינגאנצן פארנאכלעסיקט געוואָרןביים אידישן פאָלק — האָט גאָלדפאַדען געזאָגט — באזוכנדיק טעאטער ביי אנדערע פעלקער, בין איך געוואָרן א גרויסער אָנהענגער פון דראמא. איז מיר איינגעפאלן א געדאנק צו פּרובירן אָנשרייבן א פּיעסע אין אידיש. איך האָב באדארפט באשאפן א יש מאין. קיין אקטיאָרן זיינען ביי אידן ניט געווען, אפילו ווען די פּיעסע זאָל שוין געווען זיין אָנגעשריבן. האָב איך געמוזט אָנהויבן גאָר פון אָנהויב. איך האָב אויפגעזוכט אינגלעך, משוררים ביי חזנים, און האָב מיט זיי געקנעלט די ראָלן ביז עס איז מיר געלונגען אויפצוטרעטן פאר אן עולם."

דער גאסט האָט אויך פאָרגעלעזן עטלעכע פון זיינע שאפונגען. דער מוזיק־פּראָפעסאָר א. יאראָוו 8), איז געווען א פּערזענלעכער פריינט און תלמיד פון גאָלדפאדען. יענעם אוונט האָט יאַראָוו געשפּילט די אָרגינעלע נגונים, וואָס ער, יאראָוו, צוזאמען מיט גאָלדפאדען, האָבן פארפאסט צו גאָלדפאנדען׳ס לידער.

מיט דריי יאָר שפּעטער, זונטיק, דעם 13טן סעפּטעמבער, 1908, האָט יעקב גאָרדין געהאלטן א לעקציע אין דעם זעלבן זאל פון דער היברו ליטעראטור סאָסייטי. דאָס איז געווען מיט צען חדשים פאר גאָרדינ׳ס טויט (דעם 11טן יוני, 1909). ער האָט גערעדט איבער דער מאָדערנער אידישער דראמא און ווי אזוי אידיש טעאטער דארף געשפּילט ווערן. גאָרדין האָט געצויגן א פּאראלעל צווישן מעלאָדראמא אין די דראמען וואָס ער האָט געשריבן. ער האָט קריטיקירט די שפּראך וואָס די אקטיאָרן האָבן דאמאָלט גערעדט אין דער מעלאָדראמע און אָנגעוויזן אויף דעם בעסערן אידיש, וואָס די אקטיאָרן ריידן אין זיינע, גאָרדינ׳ס פּיעסען.

אין לויף פון דער לעקציע, איז גאָרדין איבערגעגאנגען צו דער מאטעריעלער זייט פון אידישן טעאטער. ער האָט שטארק קריטיקירט די הפקרות וואָס גייט אָן אין דער פארוואלטונג פון אידישן טעאטער לגבי

---

8) אליהו יאראכאַווסקי (א. יאראָוו) איז געווען א טעאטער־מוזיקער. ער האָט אָנגעהאלטן א מוזיק־סטודיאָ און פלעגט אויך געבן פּריוואטע לעקציעס צו קינדער.

דער באַהאַנדלונג צו פּאַרפאַסערס און דראַמאַטורגן. אין דער פּראָווינץ, וואָס איז ווייט אַוועק פון מיין השגחה — האָט גאָרדין געזאָגט — ווערן אויפגעפירט מיינע פּיעסן, פאַר וועלכע איך באַקום ניט קיין איין סענט ראָיאַלטי. דאָ, אין פילאַדעלפיע—האָט גאָרדין ווייטער געזאָגט— ווערן אויפגעפירט מיינע פיעסן אין קאָלומביאַ טעאַטער, וואו מאַקס טאָמאַשעווסקי איז דער פאַרוואַלטער, אָן מיין וויסן און אָן מיין דערלויבעניש. מאַקס טאָמאַשעפסקי האָט מיר נאָך קיין איינציקן סענט ניט באַצאָלט פאַר דער אויפירונג פון מיינע פיעסן". 9)

---

9) מאַקס טאָמאַשעפסקי האָט די דאָזיקע באַהויפּטונג אָפּגעלייקענט. אין דעם וואָכענבלאַט „פילאַדעלפיע אמעריקען", דעם 18טן סעפּטעמבער, 1908, רעדאַקטירט פון דוד ב. טירקעל, האָט טאָמאַשעפסקי דערקלערט אַז ער האָט גענוג פאַקטן צו באַווייזן אַז ער האָט בעצאָלט גאָרדינען יעדן סענט ראָיאַלטי פאַר אַלע פיעסן וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין זיין, טאָמאַשעפסקיס, טעאַטער.

צווייטער קאפּיטל

א נייער דור וואקסט אונטער. — „דער אידישער לידער קראנץ". — די האָניק יאָרן פון דער גארדינישער דראמא. — א דעבאטע צווישן שוישפּילער און פּובליקום נאָך די פאָרשטעלונגען. — דער 5־טער יאָרצייט נאָך יעקב גאָרדין. די גלגולים פון אַפּטאַון ליטעראַרי דראַמאַטיק קלוב. — ה. ליליפּוט און אהרן קורץ גיבן לעקציעס איבער דער ליטעראַרישער דראמע. — יעקב פּ. אדלער קומט זען ווי אזוי אינגלאך און מיידלאך שפּילן טעאטער. — אונ־טערנעמונגען פאר דער אלמנה י. ל. פּרץ און פאר די נויטליידנדיקע שרייבער אין אייראָפּאַ. — פּראָטאָקאָל בוך פון „פּרץ דראַמאַטישער געזעלשאפט". — „פּראָפעסאָר" טעאָדאָר פיינמאן. — די ראדיאָ הויבט אָן קאָנקורירן מיטין טעאטער.

אין אָנהויב פון איצטיקן, צוואנציקסטן, יאָרהונדערט איז אונטער־געוואָקסן א אידישער דור, וואָס איז שוין געווען אָנגעזאפּט מיט דעם אמעריקאנישן לעבן. די יוגנט איז, מערסטנס, געווען היגע געבוירענע קינדער פון די ערשטע אימיגראנטן. זיי האָבן אראנזשירט גרופּעס מיט דעם צוועק צו שפּילן בענעפיטן פאר „טשאריטי" — טשאריטי פאר דעם אָרעמאן; טשאריטי פאר דער אויפהאלטונג פון קולטור און קונסט; טשאריטי פאר רעליגיעזע און נאציאָנאלע געזעלשאפטן. די דאָזיקע טעטיגקייטן האָבן ארומגעכאפּט דעם וועזן פון דער אידישער יוגנט, און א טייל פון די שפּעטערדיקע דראמאטישע געזעלשאפטן זיינען טאקע גע־גרינדעט געוואָרן טיילוויז אויך אויף די אויבנדערמאָנטע יסודות.

אין 1908 האָט זיך אָרגאניזירט „דער אידישער לידער קראנץ", מיט דעם צוועק צו קולטיווירן און אריינברענגען די קלאסישע מוזיק צווישן דער אידישער יוגנט, און צו שטיצן דורך אונטערנעמונגען די „טשאריטי" און בילדונגס אַנשטאַלטן. 1)

די בעאמטע זיינען געווען: ישראל לעווין, פּרעזידענט; מ. אוויראַוו,

1) זע: „פילאדעלפיע אמעריקען", אָקטאָבער, 2טען, 1908.

וויצע פּרעזידענט; ה. סקוועדסקי, סעקרעטאר; א. בעקער, קאסירער, און דר. בערנארד זאל, דיריגענט.

דער נייער דור שפּילער איז שוין געווען גוט באהאוונט אין דער ענגלישער שפּראך צו קענען אויפפירען אן איינאקטער אדער א פּיעסע אין ענגליש. האט זיך געגרינדעט א יוגנט־גרופּע, אונטערן נאמען „פּאף־ענד־פּאודער קלאב" (שמינק און פּודער קלוב). די דאזיקע געזעלשאפט איז באשטאנען מערסטנס פון יונגע זין און טעכטער פון די מיטגלידער פון דער היברו ליטערער סאסייטי און פון דער יאנג מענס היברו אסאסיאיישאן. דער צוועק פון דער גרופּע איז געווען, צו שטודירן און אנטוויקלען א באגער ביי דער יוגנט צו דער קלאסישער ענגלישער דראמא. 2)

אין אוונט פון 7טן מאי, 1908, שפּילט דער „פּאף־ענד־פּאודער קלאב" אין לו־לו טעמפּל, בראד און ספּרינג גארדן גאס, אן איינאקטער אין ענגליש, אונטערן נאמען „דהי פּריוועט סעקרעטערי" פאר דעם בענעפיט פון דער היברו ליטעראטור סאסייטי. אין באריכט ווערן אנגעגעבן די נעמען פון קאמיטעט און שוישפּילער. זיי זענען: דר. דוד פעלדמאן, פּארזיצער; דר. מאיר װענדקאס, סעקרעטאר; דר. סיימאן װענדקאס און דר. קירשנער, קאסירערס; מ. קרישער, וו. שטיינבערג, א. אלטמאן, דר. סיימאן קימעלמאן, פּאול מ, מייערס, מארקוס זאמוסטין, לאיער סעמועל פעלדמאן, מר. שומייקער, פּ. זעליקסאן, פעני בערנשטיין, דזשאנעט קייבאט, דארא פריידוס, מיס דזש. בערקאוויץ, מרים פּאקראס, מיס קאפּלאן, מיס ראוז קאלאדנער, עטיל טירקעל, ראזע פאבריקאנט, אנא פעלדמאן און איידא גאלדבערג.

אין יענער צייט איז דאס אידישע טעאטער אין פילאדעלפיע געשטאנען במעלה העליונה. עס זיינען דאמאלט געווען די האניק יארן פון דער גארדין דראמע. די גרויסע אקטיארן, די קארפּן קעפּ, האבן נאך אלע געלעבט, און די אידן האבן געהאט א נחת רוח פון זייער שפּילן. דאס טעאטער איז דאמאלט געווען א אמתע קולטור־אינסטיטוציע. צווישן די באזוכער האבן זיך דאמאלט געפונען א צאל יונגעלייט און מיידלאך פון דער אזויגערופענער רוסישער אינטעליגענציע. טעאטער

---

2) „פילאדעלפיע אמעריקען", 8טן מאי, 1908.

איז געווען ביי זיי א נויטווענדיגקייט. מ׳האָט געלייענט און געלערנט די דראַמאַטישע קונסט. גאַנץ אָפט פלעגט מען טרעפן יונגע מענער און פרויען קומען אין טעאטער, אָדער צו פאַרזאַמלונגען מיט א בוך אונטערן אָרעם, (דער אידישער עולם האָט נאָך דאַמאָלט געלייענט אידישע ביכער), ווער א ראָמאַן און ווער סתם א בוך פון א קלאַסיקער און א טייל וועגן דער דראַמאַטישער קונסט.

האָט זיך ביי די דאָזיקע מענשן דערוועקט א חשק צו דער בעסערער אידישער דראַמע. דער נאַטירליכער חוש פון אן אינטעליגענטן מענטשן, האָט זיי אַרויסגעפירט אויף א דרך צו פאַרשטיין וואָס עס מיינט קונסט און וואָס עס מיינט באַלאַגאַנסטוואָ. זיי האָבן זיך אַריינגעלעבט אין דעם מהות פונם קינסטלער, וועמעס אויפגאַב עס איז צו פּאַרטרעטשן דעם זיין פון לעבענס-געראנגל. די דאָזיקע אינגערע טעאטער גייער, וועלכע פלעגן מערסטנס פאַרנעמען א בכבודיקן אָרט אויף דער גאַלעריע, האָבן תופס געווען א פיעסע מיט אַנאַליטישער קאָנצעפּציע. ביים סוף פון דער פאָרשטעלונג פלעגט מען דיסקוטירן וועלכער אקטיאָר עס האָט פאַרשטאַנען זיין ראָל און ווער עס האָט גלאַט „אָפּגעזאָגט א קאַפּיטל פּראָזע.“

דער אינערליכער דראַנג און ליבשאַפט צום אידישן טעאטער, האָט אַרויסגערופן א פאַרלאַנג צו פאָרמירן דראַמאַטישע געזעלשאַפטן און שטודירן און אויפפירן פּיעסן פון בעסערן סאָרט.

נאָך דעם לעצטן באַזוך פון יעקב גאָרדין אין פילאַדעלפיע, אין 1908, האָט זיך פאָרמירט די „יעקב גאָרדין ליטעראַריש-דראַמאַטישע געזעלשאַפט.“ די דאָזיקע גרופּע האָט אויפגעפירט צייטנווייז גאָרדינס איינאַקטערס און שפּעטער האָט מען זיך שוין געפילט קאָמפּעטענט גענוג אויפצופירן גאָרדינס א גאַנצע פּיעסע. אן אנדערע גרופּע איז געווען דער „אַפּטאַון ליטעראַרי דראַמאַטיק קלאָב“, אָרגאַניזירט אין יאָר 1913 3). דער צוזאַמענשטעל פון דער דאָזיקער גרופּע איז באַשטאַנען

---

3) זע: „ליטעראַריש-דראַמאַטישע געזעלשאַפטן אין פילאַדעלפיע“, אהרן קאַניעווסקי, — אויסגאַבע פילאַדעלפיער „טאָג“, 23טן נאָוועמבער, 1924.

פון יונגע מענטשן מיט א ראפינירטן חוש פאר בעסערער ליטעראטור און ריינערער דראמע.

צו די וועכנטלעכע פּאָרשטעלונגען פון די דאָזיקע געזעלשאפטן פלעגן קומען אינטעליגענטע מענטשן. מערסטנס פלעגן די פּאָרשטעלונגען געגעבן ווערן אין א גרויסן זאַל אין איינעם פון די אידישע קוואַרטאַלן. די אויסשטאטונג און די דעקאָראַציעס זענען געווען זייער אָרעמע, מחמת די מיטגלידער אליין זענען אויך געווען אָרעם, און האָבן אָפּגעשפּאָרט פון מויל צו קויפן די נויטיקע הפצים פאר דער בינע. די גאַרדעראָבע איז באשטאנען פון „אנטיקן", וואָס האָבן אמאָל געהאט זייער היים אויפן „טאָלטשאָק", ערגעץ אין א קלייט פון אָפּגענוצטע מלבושים.

אָבער אָרעמקייט איז קיין חרפּה ניט. די שוישפּילער האָבן זיך פארלאָזט אויף דעם כח הדמיון פון די צושויער. זאָל זיך זיי דאכטן אז אלץ שיינט; אז די קליידער קומען פון א „קעניגלעכער" גאַרדעראָב. דער עיקר אָבער איז געווען דער ארט שפּילן. דער עולם האָט נאָכגע־פאָלגט יעדן שוישפּילער מיט א קריטישן בליק, ווי אזוי די ראָל ווערט פון אים דורכגעפירט. איניקע פלעגן ביי זיך פארצייכענען, וואו דער יונגער דילעטאַנט האָט געמאכט א טעות.

האָט גאנץ אָפט געטראָפן, אז נאָך דער פּאָרשטעלונג זיינען א צאָל מענטשן געבליבן זיצן אין זאַל און ארויסגעפּאָדערט די יונגע שוישפּילער, צו פארענטפערן געוויסע קשיות, וואָס דער אָדער יענער באַזוכער האָט געפרעגט. פון די דאָזיקע „שאלות ותשובות", האָט זיך אנטוויקלט אַן אינטערעסאנטע דעבאטע, וואָס פלעגט זיך פארציען ביז שפּעט אין דער נאכט. ס'איז אויסגעקומען, אז דאָס פובליקום איז געוואָרן דער לערער, און די אקטיאָרן די תלמידים. די אקטיאָרן האָבן טאקע באלד אויפן אָרט א סך געוואונען פון דער דאָזיקער עפנטלעכער קריטיק. די קריטיק איז אָפט מאָל געווען שארף, אָבער מיט טאַקט און אַנשטענדיגקייט. עס זיינען אָנגעוויזן געוואָרן פעלערן אויף דעם ארט שפּילן און אויף דער אויסטייטשונג פון א ראָל. די אָפּשאצונג פון די דעבאַטאַנטן איז געווען א וואגיקע און אַן ערנסטע. אויב דער אַמאַטאָר איז געליבט געוואָרן, האָט ער עס כשר פארדינט. די דאָזיקע דעבאטן האָבן צוגעצויגן א צאָל מענטשן זיך אַנצושליסן אין די דראַמאַטישע געזעלשאַפטן.

איינע פון די אונטערנעמונגען, וואָס דער „אפּטאון ליטעראַרי דראַ־

ערשטע שורה: אנא האָרן־שפּערלינג, ר. אלעקסאנדער, פּעי שיינבוים.
צווייטע שורה: דוד בענן, וויליאם שפּערלינג, יצחק סידער.
דריטע שורה: מ. גאָלדשטיין, מאָרים גאָלדשמיט, דזשעני צייטלין, יוסף פּאול, הערי שקלאראָף.

מאטיק קלאָב" האָט דורכגעפירט, איז געווען א פאָרשטעלונג אינ'ם טאָג פון גאָרדינס פינפטן יאָרצייט, דעם 11טן יוני, 1914, אין געווזענעם מעטראָפאליטן האָל, 715 פעירמאונט עוועניו. עס איז דאמאָלט געשפילט געוואָרן דער פראָלאָג פון גאָרדינס „דער אומבאקאנטער" מיט דער באטייליקונג פון ל. פרוכט, ס. בובער, רעבעקאַ האָרנשטיין, ה. שפריצמאן, און אנדערע. עס האָבן אויך אנטייל גענומען ל. קאזע, פיאניסט, מ. קאטץ, פעסטרעדנער; הערמאן וויינבערג, פידל־סאָלאָ; אל. הערים, הומאָר; אברהם האָכבאן, דעקלאמאציע; אהרן קאַניעווסקי, פאָרלעזונג פון גאָרדינס שאַפונגען.

דער דאָזיקער דראמאטישער קלוב, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע געזעלשאפטן, האָט דורכגעמאכט א סך גילגולים. דער יחוס פון דער געזעלשאפט ציט זיך נאָך פונם יאָר 1907, ווען דער נאָמען אין געווען „פראָגרעסיווני דראמאטיטשעסקי קרוזשאָק." אין דער דאָזיקער גרופּע זיינען געווען טעטיק: אהרן קאניעווסקי, מים קאָרטשנאָי, שווארץ, דר. יאנאָוו, הערשמאן און אייב קאָהן. די געזעלשאפט מיטן רוסישן נאָמען, האָט אויפגעפירט אין געוועזענעם ניו־אוידיטאָרוים האָל, 3טע און פיטצוואָטער סטס. דעם איינאַקטער „יוקל גנב" פון צבי בן שלום, „פאָטער און זון" פון אנ־סקי און אנדערע זאַכן. אין א יאָר ארום, 1908, נעמט דער רוסישער קרוזשאָק אָן דעם אידישן נאָמען „די יעקב גאָרדין דראמאטישע סאָסייטי". די דאָזיקע געזעלשאפט שליסט זיך דאמאָלט אָן אין דער טרופּע פון דעם פרינצעס טעאטער, וואָס האָט זיך געפונען אויף סאוט סטריט, צווישן דער 5טער און 6טער גאס, וואו ס'האָט אויך געשפּילט וויליאם סיגעל. די גאָרדין גרופּע העלפט אים ארויס אויפצופירן גאָרדינס און אנדערע פּיעסן. אין 1913 וואקסט ארויס פון דער גאָרדין געזעלשאפט דער „אפּטאון דראמאטיק קלאָב" וועלכער האָט ארויסגעוויזן גרויס טעטיקייט אויף דעם טעאטער־געביט אין די פיר, אָדער פינף יאָר פון זיין עקזיסטענץ.

שפּעטער האָט דער קלוב געגעבן אנדערע פאָרשטעלונגען, מערסטנס איינאַקטערס און צוויי־אַקטערס. פון זיי איז ווערט צו דערמאָנען „מיטן שטראָם", פון שלום אַש און „יאַנקל בוילע", פון לעאָן קאָברין. אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָבן אנטייל גענומען: איזידאָר עלגארט, מים בובער, פרוכט, הערמאן און מים לעסנער. די געזעלשאפט

האָט געליטן א גרויסן אומגליק, דורך דעם טויט פון דער באגאבטער און זייער סימפּאַטישער ראָזע נעלסאָן. דער קלוב האָט פאר איר אַראַנזשירט א רירנדיקע לויה, און נאָך שלושים — א טרויער־אוונט אין דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי, וואו עס זיינען געמאכט געוואָרן הספדים פון מ. קאַטץ, פּרוכט און לעאָן סאָוויטש. 4). צווישן די גרינ־דער פון דער אַפּטאַון דראַמאַטישער געזעלשאַפט, ווערן אויך אריינגע־רעכנט אל. הערים, פּרוכט, שפּריצמאַן, זובערמאַן, אברהם האָכבאַן, לאַנדאו, ליס, שטריקמאַן, ווייטמאַן, דזשייקאָב סינגער, מיס ראָזענבערג, מרס. מאַנאָוואַ און אהרן קאַניעווסקי.

מיט א צייט שפּעטער האָט זיך פאָרמירט אן אנדער געזעלשאַפט, דאַון טאַון, מיטן נאָמען „אידיש־ליטעראַרישע געזעלשאַפט פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי". די גרופּע איז פאָרמירט געוואָרן דורך לעאָן סאָווידזש, מאַרקוס גאָלדמאַן און מ. קאַטץ, וועלכע זיינען געווען אקטיווע טוער אין דער סאָסייטי. דער „אַפּטאַון קלוב" האָט איינגע־זען אז די ארבעט ווערט א ביסל צו שווער, און א פאַראייניקונג פון די ביידע קלובן איז פאָרגעקומען אונטער דעם פּאָפּולערן נאָמען „מענדעלי מוכר ספרים פאָלקס בינע". די פארשמעלצונג פון ביידע גרופּעס האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א דערפאָלג. איבערהויפּט נאָך דעם ווי די צוויי דראַמאַטישע קלובן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַלס אַ ברענטש פון ארבעטער רינג מיט א היים אין דעם געוועזענעם לייבאָר אינסטיטוט, 505 ריד סטריט.

גלייך נאָך דער פאַראייניקונג פון די צוויי קלובן, האָט זיך אָנגע־הויבן אן ענטוזיאַסטישע טעטיגקייט פון וויכטיקע קולטורעלע ארבעט. אין דעם קלוב האָבן אנטייל גענומען באַקאַנטע מענטשן: ה. ליליפּוט, וועלכער האָט דאַמאָלט געאַרבעט אין דער פילאַדעלפיער אָפּטיילונג פון דער „ווארהייט"; אהרן קורץ, מ. הורוויץ און אנדערע. דורך זייער איניציאַטיוו זיינען אראַנזשירט געוואָרן א ריי לעקציעס איבער ליטע־ראַרישע טעמעס. ז. מאַנאָוו איז דאַמאָלט דערוויילט געוואָרן רעזשי־סער. די געזעלשאַפט איז צוגעטראָטן צו טעאַטראַלער ארבעט און

4) זע: „פּראָטאָקאָלן פון י. ל. פּרץ ליט. דראַמ. געזעלשאַפט אין דעם ווערק.

אָנגעהויבן איינצושטודירן פארשידענע פּיעסן. עס זיינען אויך געגעבן געוואָרן לעקציעס פון געוויסע אויטאָריטעטן אין דער שוישפּיל־קונסט. א פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין ארטש סטריט טעאטער, וואָס איז באשטאנען פון דריי פארשידענע איינאקטערס פון אברהם רייזען, מארק אָרענשטיין און פּרץ הירשביין, אויף וועלכע די אָפיציעלע קריטיק האָט זיך גינסטיק אָפּגערופן.

די „מענדעלי מוכר ספרים פאָלקס בינע", האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה אונטער דער רעזשי פון ז. מאנאָוו, ווען אין אמעריקען טעאטער, 7טע און דזשיראַרד עוועניו, איז אויפגעפירט געוואָרן די פּיעסע „די יורשים", פון שלום אַש, א פּיעסע וואָס איז גאָרניט אזוי לייכט צו שפּילן אפילו פאר פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרן. צו יענעם אוונט איז געקומען ניט נאָר אן אינטעליגענטער עולם, נאָר אפילו אויך דער גרויסער יעקב פּ. אדלער, האָט זיך מטריח געווען צו קומען זען ווי אזוי אינגלאך מיט מיידלעך שפּילן טעאטער. זייער שפּילן איז אים שטארק געפעלן געוואָרן, און ער האָט די שוישפּילער געלויבט.

צוליעב פארשידענע סיבה'ס האָט זיך די מענדעלע מוכר ספרים טעאטער קערפּערשאפט אויפגעלייזט און פארבליבן אַ פּראַטערנאַלע אָרגאניזאציע, ד. ה. א „ברענטש" פון ארבעטער רינג. האָבן זיך געפונען מענטשן אין דער היברו ליטעראטור סאָסייטי מיט גענוג איניציאטיוו, און האָבן אָרגאניזירט די „ליטעראריש דראמאטישע געזעלשאַפט פון דער היברו ליטעראטור סאָסייטי". די מענטשן זיינען געווען: יעקב סטירמאן, ז. ל. שולוויז, פּאָגעל, אהרן קאניעווסקי און אנדערע.

די ליטעראריש־דראמאטישע געזעלשאפט פון דער ה. ל. ס. האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן אן אונטערנעמונג פאר דער אלמנה פון י. ל. פּרץ. דאָס איז געווען ניט לאנג נאָך פּרץ'ס טויט (1915). קולטורעלע געזעלשאפטן האָבן בכל תפוצות ישראל אראנזשירט זאמלונגען פאר דער אלמנה פּרץ און די היברו ליטעראטור סאָסייטי אין פילאדעלפיע, איז, פארשטייט זיך, אויך ניט צוריקגעשטאנען. די דראמאטישע

געזעלשאפט פון דער „לייברערי" 5) האָט אראנזשירט א גרויסארטיקן קאָנצערט דורך וועלכן עס איז געזאמלט געוואָרן א היפשע סומע געלט פאר דעם דאָזיקן פאָנד. די קאָמיטע וואָס האָט אראנזשירט די אונ־טערנעמונג איז באשטאנען פון דזשייקאָב סטירמאן, טשערמאן; דר. נייטען רובין, דר. דובין, גערשאָן, דזשייקאָב סידראנסקי, מיס בעלאָוו, מיס לאַשינסקי, מיס אסטראָוו, מיס פעלדמאן און מיס אראָנאָוו. 6).

די דאָזיקע געזעלשאפט האָט עקזיסטירט בערך פיר־פינף יאָר. זי האָט אויפגעטאָן א סך קולטורעלע ארבעט און דורכגעפירט א היפשע צאָל אונטערנעמונגען לטובת הכלל, אָפט אפילו פאר פריוואטע מענטשן.

די מיטווירקער, א חוץ די אויבענדערמאָנטע, זיינען געווען: וויליאם שפערלינג, דוד בען, גערסאָן, רובין, קיפּנים, יעקב סידעראנסקי, אננא האָרן, מיס גאָרין און די זער באַגאַבטע זינגערן, ראָזאַליע סאָפּיאָן.

א געדרוקטער פּראָגראם דערציילט אויך וועגן א קאָנצערט, וואָס די ליטעראריש־דראמאטישע סעקציע פון דער היברו ליטעראטור סאָ־סייטי האָט געגעבן לטובת די נויטליידנדיקע שרייבער אין אייראָפּא. דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען זונטיק דעם 31־טן אָקטאָבער, 1920, אין אודיטאָריום פון דער סאָסייטי. אזעלכע שרייבער אונטערנע־

---

5) די היברו ליטעראטור סאָסייטי איז אויך באקאנט אונטער דעם אלגעמיינעם נאָמען די „לייברערי" (ביבליאָטעק), צוליעב דער גרויסער ביבליאָטעק וואָס געפינט זיך דאָרט.

6) די אונטערנעמונג איז געגעבן געוואָרן זונטיק אוונט, דעם 30טן נאָוועמבער, 1919, אין דעם אודיטאָריום פון דער היברו ליטע־ראטור סאָסייטי. דער פּראָגראם איז געווען ווי פאָלגט: איינלייטונג, דזשייקאָב סטירמאן, טשערמאן; אידישע מעלאָדיען: פּיאַנאָ סאָלאָ, מרס. מיני שייפער; „געשלאָגן א טאטן" פון דוד פינסקי, דעקלאמירט פון דייוו בען; „דער נשרף", פון שלום עליכם, פאָרגעלעזן פון וויליאם שפערלינג; אידישע לידער, סאָפּראַנאָ־סאָלאָ, ראָזאַליע סאָפּיאָן; „די דריי נייטאָרינס", פון פּרץ, אנא האָרן; „פון וואנען", דעקלאמירט פון בייבי מאלי קאניעווסקי; פידל־סאָלאָ, הערי טשייסען; די שחיטה שטאָט", פון ביאליק, פאָרגעלעזן פון אהרן קאניעווסקי; „פּרץ און זיין שאפן", פעסט־רעדע ביי מ. קאַטץ; „די נסיעה", פון מענדעלע מוכר ספרים, פאָרגעלעזן פון דזשייקאָב סידעראנסקי; „אויס געגעראל — אויס יום טוב", פון ז. וועגדראָף, פאָרגעלעזן פון אהרן קאניעווסקי.

מונגען זיינען אויך פאָרגעקומען אין ניו יאָרק און אין אנדערע גרויסע שטעדט אין לאנד. דער ריינער ריוח איז געווען הונדערט מיט פינף און אכציק דאלאר, וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין נויאָרק אין צענ־טראל קאָמיטעט פון דער געזעלשאפט צו שטיצן די נויטליידנדיקע שרייבער אין אייראָפּא. 7).

אין דער געזעלשאפט טרעט שפּעטער אריין א שפּאלטונג. נאָך א פּרוכטבארער עקזיסטענץ פון עטלעכע יאָר, טיילן זיך אָפּ א טייל מיט־גלידער פון דער ליטעראריש־דראמאטישער געזעלשאפט און אָרגאניזירן א גרופּע אונטער דעם נאָמען „י. ל. פּרץ ליטעראַרישע געזעלשאפט". די דאָזיקע גרופּע האָט געמאכט איר היים אויף א קורצער צייט, אין דעם „נייבארהוד צענטער", 428 ביינברידזש סט. די געזעלשאפט פלעגט דורכפירן שיינע ליטעראַרישע אוונטן פון מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם.

דער ערשטער פּראָטאָקאָל פון דער נייער „י. ל. פּרץ דראמאטישער געזעלשאפט" איז דאטירט פרייטיק, דעם 9טן יולי, 1915. די ערשטע פארזאמלונג איז אָפּגעהאלטן געוואָרן נאָך אין דער היברו ליטעראטור כאָסייטי. פון די פירער פון דער גרופּע ווערן דערמאָנט: פּרוכט, טשערמאן; מכתּם, סעקרעטאר. א קאָמיטעט ווערט דערוויילט אוים־

7) פאָלגענדער פּראָגראם איז דורכגעפירט געוואָרן: איינלייטונג פון טשערמאן דר. סיימאן הענדקאָס; פּיאנאָ־סאָלאָ, גערטרוד שפּער־בער; „דער קוש", פון ל. שאפּיראָ, פאָרגעלעזן פון אהרן קאַניעווסקי; סאָפּראנאָ־סאָלאָ, „רחם נאָ" און „שבת אוונט", געזונגען פון ראָזאליא סאָפּיאן, אקאָמפּאנירט פון דזשאָזעף שרייבמאן; דיאלאָג, „סא ליגן", פון שלום־עליכם, דורכגעפירט פון וויליאם שפּערלינג און דוד בען; פידל־סאָלאָ, מוזיק פון שאָפּען, דוואָראק, פּאגאניני, געשפּילט פון מאיר גאָראָדעצער, אקאָמפּאנירט פון זיין טאָכטער עליזה גאָראָדעצער; פאָר־לעזונג „האלט סימוליי", פון י. ל. פּרץ, ביי אנטעא האָרן; „הונגער און קעלט", פון י. אדלער, דעקלאמירט פון מאלי קאניעווסקי; קאָנצערטינאָ־סאָלאָ, מוזיק פון פרידזעל, צימבאליסט, הערמאן, געשפּילט פון ל. מלמד, אקאָמפּאנירט פון ביטריס הייעס; „דער שמעק טאבאק", פון אברהם רייזען, פאָרלעזונג פון איזידאָר סידעראנסקי; „ווען איך בין ראָטשילד", פאָרלעזונג פון וויליאם שפּערלינג. רעזשי פון אוונט — אהרן קאַניעווסקי.

צוארבעטן א קאָנסטיטוציע. אין דעם קאָמיטעט גייען אריין: באַרסקי, קאַפּלאַן, הערים, פאַלקאָוו און סאַקס. שפּריצמאַן און סאַווידזש ווערן ערווײלט צו רעפּרעזענטירן די געזעלשאַפט אין דער באָרד אָוו דירעקטאָרס פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי.

באַלד נאָך דער אָרגאַניזירונג פון דער י. ל. פּרץ געזעלשאַפט, ווערט אויך פאָרמירט א נייע גרופּע אונטערן נאָמען „יונגע פרייע פאָלקס בינע". דער צוועק זייערער איז געווען צו שפּילן אויסשליסלעך ליטעראַרישע פּיעסן. דער רעזשיסער איז ברוך לומעט און דער פאַרוואַלטער — וויליאם שפּערלינג. עס האָבן זיך באַטייליקט מאַדאַם געלבאַרט, מאַדאַם אָרלאָווא, מיס צאַצקין, מיט פּאַהוסט, סאַקאָניק, דוד בען, וויליאם שפּערלינג, נאַבאַצאַק, ע. ווײַמאַן און אַנדערע. זיי איז געלונגען צו געבן אין נאָרט פרענקלין סט. האָל ארום צען פאָרשטעלונגען, שפּילנדיק עטלעכע מאָל „יואל", פון פּרץ הירשביין און „צעזייט און צעשפּרייט" פון שלום עליכם.

שפּעטער האָט זיך די „מענדעלע גרופּע" פאַראייניקט מיט דער „פרייער פאָלקס בינע". זיי האָבן געמאַכט זייער היים אין דער פּראָגרעסיוו לייבערערי אין וועסט פילאַדעלפיע, 4035 דזשיראַרד עוו. אונטער דער רעזשי פון ברוך לומעט, האָבן זיי זיך גענומען צו אַקטיווער אַרבעט, געבנדיק פאָרשטעלונגען און איינאַקטערס פון הירשביין, שלום עליכם און אַנדערע.

אן אַנדער אונטערנעמונג פון דער ליטעראַריש-דראַמאַטישער געזעלשאַפט פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי איז געגעבן געוואָרן זונטיק, דעם 29טן פעברואַר, 1920. א חוץ די פריער דערמאָנטע טאַלאַנטן געפינען זיך אויך די נעמען פון לאָיער יאָזעף גראָס, פאָרזיצער; מרס. אסתר קאָרנפעלד-סיגעל, אַלבערט סלאָקום, מאַסטער דוד מעדיסאָן, אַלעקסאַנדער רובין, מיס סיסיליע פּאולין און אַנדערע.

צווישן די אַקטיווע טוער דאַרף דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון „פּראָפעסאָר" טעאָדאָר פּיינמאַן, אן אַמביציעזער יונגער מענטש אויף דעם געביט פון מוזיק. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט אָרגאַניזירט א „בעטהאָווען אָרקעסטער", וועלכער האָט פונקציאָנירט ארום צען יאָר. דער דאָזיקער אָרקעסטער מיט טעאָדאָר פּיינמאַן בראָש, האָט א סך ארויסגעהאָלפן ניט בלויז דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי, נאָר אויך

בעטהאָווען אָרקעסטער און כאָר פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייעטי. טעאָדאָר פיינמאַן, קאָנדוקטאָר, שטייענדיק אין צענטער.

די אונטערנעמונגען פון די פארשידענע דראמאטישע געזעלשאפטן פון פילאדעלפיע.

דער זעלבער פיינמאן האָט אויך אָרגאניזירט א כאָר פון מענער און פרויען, אָבער אויף דעם דאָזיקן געביט האָט זיך דער קאָנדוקטאָר פיינ־מאן ניט זייער שטארק אויסגעצייכנט. פון די קאָנצערטן, וואָס דער קאָנדוקטער פיינמאן האָט אונטערגענומען איז ווערט צו דערמאָנען דער מעמאָריעל קאָנצערט נאָך דעם פארשטאָרבענעם דירעקטאָר פון דער היברו ליטעראטור סאָסייטי, דר. ס. וו. סאנץ, דעם 16טן יאנואר, 1921.

א סך טרויער־מוזיק איז יענעם אוונט געשפּילט געוואָרן אונטער דער פירערשאפט פון פיינמאן. אדאָלף וואקס איז געווען פאָרזיצער. אין דער אונטערנעמונג האָבן אנטייל גענומען: איידא סאָהן, אהרן קאניעווסקי, מינא דאָלאָרעס, אנטאָני שווארץ, אברהם בערקאָוויץ, אברהם גאָלדפוס, איזידאָר פרידמאן און דער אָרקעסטער און כאָר פון דער היברו ליטעראטור סאָסייטי.

די איבערגעבנקייט פון א גרויסער צאָל פון די אויבנדערמאָנטע דראמאטישע געזעלשאפטן צו דער דראמאטישער קונסט איז געווען אויסערגעוויינליך. דער יונגנטלעכער פייער וואָס האָט ארומגענומען די דאָזיקע מענטשן און זייער איבערגעבנקייט צום אידעאל פון דראמע און קונסט, איז אין לשער. כמעט אין יעדן פּראָגראם געפינען זיך אויפשריפטן מיט פאָלגנדן אינהאלט: „די ליטעראַרישע געזעלשאפט אנאָנסירט, דאָס זי וועט שיקן קרעפטן גאנץ אומזיסט צו אָרגאניזא־ציעס, וואָס מאכן אונטערנעמונגען פאר מלחמה און פּאָגראָם־קרבנות אין אייראָפּא. קאמיטעטן פון פאראיינען וועלן אויפגענומען ווערען יעדן מיטוואָך אוונט אין דער היברו ליטעראטור סאָסייטי, 310 קעטרין סטריט.״

דער אידעאליסטישער פייער איז אָבער ביי די יונגע שוישפילער גאָר גיך אָפּגעקילט געוואָרן. דאָ קומען מיר צו א שייד־פּונקט אין דעם כאראקטער פון די ליטעראַרישע געזעלשאפטן. פון יאָר 1926 און ווייטער, האָט זיך אָפּגעטאָן, אזוי צו זאָגן, די הייליגקייט און דער אידעאליזם פון די געזעלשאפטן. עס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אריינצוגנבענען אין די הערצער פון די אמאטאָרן־שפּילער די לוסט און

דער פארלאנג צו א „פארדינסטל״. די זעלבע יונגעלייט וואָס האָבן פריער געטאָן די ארבעט לשמה, לשם קונסט און לשם צדקה, האָבן זיך מישב געווען אז פארדינען עטלעכע דאָלאר פאר זיך אליין קאָן אויך ניט שאַדן. איז טאקע באלד געוואָרן א מאָדע אין דעם רוב ליטערא־רישע געזעלשאפטן צו מאָנען געלט פאר א פאָרשטעלונג אָדער קאָנ־צערט.

דער דאָזיקער חשק צו קריגן באצאָלט האָט זיך ביי די דילעטאנטן אָנגעהויבן דאמאָלט ווען ראדיאָ איז ווי פון הימל ארונטערגעפאלן און פארכאפט די וועלט מיט איר נייקייט. די ראדיאָ האָט תיכף אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט די צייטונגען, פארכאפט זייערע אנאָנסן, און אויך מיט דער בעסערער מוזיק און דראמע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א סע־ריע פון „ראדיאָ־פראָגראמען״, און דער מיקראָפאָן האָט ביסלעכווייז פארנומען דעם אָרט פון דער בינע.

ס׳איז פלוצים אנטשטאַנען א גרויסע שפע אויף טאלאנטן, און „ווי ס׳גויאישט זיך, אזוי אידלט זיך.״ אויף אידישע זינגער און שפילער איז געוואָרן א דוחק.

אין יאָר 1926, איז אין נויאָרק שוין געווען די ערשטע אידישע ראדיאָ־שטונדע. צבי הירש רובינשטיין, סיטי עדיטאָר פון „טאָג״, איז פאקטיש געווען דער ערשטער אידישער אנאונסער אין אמעריקא. דער „טאָג״ האָט דאמאָלט אונטערנומען א אידישע ראדיאָ־שעה, און אים, רובינשטיינען, געמאכט פארן אָפיציעלן אנאונסער.

דאָס האָט זיך גאָר גיך אָפגערופן אויך אויף פילאדעלפיע, און ס׳האָט זיך דאָ אנטוויקלט א דוחק אין טאלאנטן. די דילעטאנטן און אמאַ־טאָרן זיינען געווען די סאמע ערשטע צו פארכאפן די ראדיאָ־שטונדן, און שפעטער, ווען די ראדיאָ קאָנצערטן האָבן זיך שוין איינגעגעסן טיף אין לייב פון טעאטער־וועזן, האָבן באוואוסטע שוישפילער געמוזט אראָפנידערן פון זייער פעדעסטאל און בעטן ביי די דילעטאנטן א פאר־דינסטל פון עטלעכע דאָלאר.

די פילאדעלפיער ראדיאָ סטיישאָן „דאָבעליו־אר־איי־עקס״ האָט די ערשטע דאָ איינגעפירט א אידישע ראדיאָ־שעה מיט אָסקאר גאָרין אלס אַנאונסער, און די דילעטאנטן פון די דראמאטישע געזעלשאפטן זיינען עס געווען די דורכפירער פון די פראָגראמען. זיי האָבן זיך מיטאמאָל

דערפילט גדול׳דיק, און גאָר גליקלעך זיינען זיי געווען ווען א פריינט האָט זיי דערציילט אז ער האָט געהערט זייער „בת קול״ אין דער לופט.

מיט דעם אָנקומען פון די ראדיאָ־שטונדן טרעט אריין א וואָכעדיקע שטימונג אין דער ערנסטקייט פון דער קונסט אין די ליטעראריש־דראמאטישע געזעלשאפטן. אפילו די פארפונדעוועטע גרופּעס, וועלכע האָבן געהאט א שיינע און באקוועמע היים אין דער היברו ליטעראטור סאָסייטי, האָבן אָפּט, חדשים נאָכאַנאַנד, ניט געהאַט קיין איין אונטערנעמונג. עס האָט זיי, די יונגע חברה, געצויגן צום „מייק״ (מיקראָפאָן), און צו די פּאָר דאָלער, וואָס דער אָדער יענער ראדיאָ „אימפּרעסאריאָ״ האָט זיי צוגעוואָרפן און געגעבן א געלעגנהייט צו הערן זייער קול אין די אידישע הייזער.

דריטער קאפיטל

דער אויפקום פון „דאָס ליטעראַריש־דראמאטישע קונסט ווינקל." — דער צוועק און רעפערטואר פון דער דאָזיקער געזעלשאפט. — דער קאמף צווישן ארטש סטריט טעאַטער און דזשיראַרד עווענ׳ו טעאַטער. — לעבעדיקע בילדער פון דער פּאָעמע „בעדד" פון דוד ב. טירקעל. — מאַדאַם אסתר סאָלאָמאָן שרייבט א פּיעסע. — די ראַדיאָ מאכט חרוב די אידישע בינע. — א פּיעסע געשריבן פון יוסף זשיטאָמירסקי. — דער אונטערגאַנג פון אַרטש סטריט טעאַטער.

פון דער גרויסער צאָל דראַמאַטישע געזעלשאפטן וואָס האָבן דאָ עקזיסטירט, איז „דאָס ליטעראַריש־דראַמאטישע קונסט־ווינקל" געווען דער סאַמע פּאָפּולערסטער און אפשר אויך דער, וואָס האָט געהאַט א לאַנגן לעבן. ס׳איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע מיט א היפּשן פאַרנעם, און יעדער מיטגליד האָט געהאַט אין זיך די אמביציע צו ווערן א פּראָפעסיאָנאַלער שוישפּילער.

זייערם א געדרוקטער פּראָגראַם דערציילט, אז די גרופּע האָט זיך געגרינדעט אין 1922 1) אונטער דער אויפזיכט פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי מיטן צוועק צו אנטוויקלען יונגע טאַלאַנטן אין דער באַשטרעבונג צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן די אידישע בינע.

דער לאָזונג ווערט אויסגעדריקט אין א זאַץ גענומען פון י. ל. פּרץ:

„אונזער פּראָגראַם איז בילדונג. מיר ווילן בילדן זיך און דאָס פאָלק. מאַכן אויס נאַראָנים קלוגע; אויס פאַנאַטיקער געבילדעטע מענשן; אויס ליידיקגייער און לופטשלינגער — ארבעטער; ניצלעכע אָרנטלעכע מענשן, וואָס ארבעטן פאַר זיך און פאַרן כלל, קומט דערפון ארויס א טובה."

דער דאָזיקער לאָזונג איז געווען געדרוקט אין אַן אויפרוף צו אָרגאַניזאַציעס איינצולאַדן דעם „קונסט ווינקל" געבן קאָנצערטן און ליטעראַרישע אוונטן, „וואו עלטערן וועלן זיך ניט דאַרפן שעמען מיטברענגען זייערע קינדער". אינם צירקולאַר ווערן אויסגערעכנט א רייע ווערק פון פּרץ, שלום עליכם, רייזען, פּינסקי, הירשביין און אנדערע,

1) אַן אנדער פּראָגראַם גיט אָן די גרינדונג אין 1925.

וואָס זיי, די שוישפּילער, זיינען וויליק אויף די אוונטן צו דעקלאַמירן אָדער פאָרשטעלן.

די נעמען פון די מיטגלידער זיינען: פרויען: דזש. צייטלין, פּ. שיינבוים, עליזאַבעט אַלעקסאַנדער, אַנאַ האָרן־שפּערלינג. מענער: יצחק סידער, העררי שקלאַראָוו, יוסף פּאָול, מאָריס גאָלדשמיד, דוד בען, העררי גאָלדשמידט און וויליאַם שפּערלינג.

אין דעם צירקולאַר ווערט ניט גערעדט פון קיין האָנאָראַר פאַר דעם שפּילן. אָבער צווישן די שורות ווערט פאַרשטאַנען, אַז דער קונסט ווינקל איז גרייט צו שפּילן קאָנצערטן פאַר געלט וואָס די פאַראיינען וועלן באַצאָלן.

זונטיק אוונט, דעם 11טן מערץ, 1928, איז פאָרגעקומען אַ קאָנ־צערט פון דעם קונסט ווינקל פאַר דעם בענעפיט פון דער היברו ליטע־ראַטור סאָסייטי. דער הויפּט־רעדנער פון יענעם אוונט איז געווען דוד ב. טירקעל. אין דעם מוזיקאַלישן פּראָגראַם האָבן אָנטייל גענומען: גדליה שיינפעלד און טעאָדאָר פיינמאַן. יענעם אוונט איז אויפגעפירט געוואָרן „מענטשן" און „מילכיגס" פון שלום עליכם, „געלעבט אין טעות" פון ז. ווענדראָף, און „צוויי ברידער" פון י. ל. פּרץ. די אָנטייל־נעמער זיינען געווען: מאַדאַם צייטלין, וויליאַם שפּערלינג, גיטל רובין, יעקב ראָזען, מאָריס האַלפּרין, ס. האָבערמאַן, פּ. שיינבאום, יצחק סידער, פּאָולין שפּאַכנאַ, אהרן קאַניעווסקי, אַנאַ האָרן, מאַלי קאַניעווסקי, מ. סוקאָניק און יוסף פּאָול.

דאָס „קונסט ווינקל" האָט מאריך ימים געווען מער פון אַלע אַנדערע דראַמאַטישע גרופּן אין פילאַדעלפיע. דאָס איז אפשר דערפאַר, ווייל די גרינדער זיינען געווען שטאַרק פאַרליבט אין דעם נאָמען. די פירער האָבן ווי עס ווייזט אויס אַרויסגעקראָגן אַ פּאַטענט אויף דעם נאָמען (הגם זיי זאָגן דאָס ניט) און קיין אַנדער גרופּע האָט דעם נאָמען ניט געטאָרט אַדאָפּטירן. אַ צווייטער טעם איז: די געזעלשאַפט האָט געהאַט אַן אייגענע היים וואָס די היברו ליטעראַטור סאָסייטי האָט זיי געגעבן אָנצופירן זייער אַרבעט.

דער רעפּערטואַר זייערער איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער. עס וועט זיין גענוג דאָ אויסצורעכענען עטלעכע פון זיי: „אַמאָל איז געווען אַ מלך", פון י. ל. פּרץ; „עולם הבא", „ דאָקטאָר", „מענטשן", „צוזייט

און צעשפרייט", פון שלום עליכם; „ראזשינקעס מיט מאנדלען", „יואל" און „גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין; „א שדכנ׳ס טאכטער" פון אברהם רייזען; „אויף א נייעם וועג", פון ש. דייקסעל; „דער דיבוק" פון ש. אנ־סקי.

די שטארקייט פון קונסט ווינקל איז באשטאנען אין דער געוואגט־קייט פון דער ארגאניזאציע אונטערנעמען און דורכצופירן גרעסערע זאכן, וועלכע זיינען גאנץ אפט אריין אין דער בחינה פון מסירת נפש. עס איז גענוג צו דערמאנען די געוואגטע אונטערנעמונג אין דזשיראַרד עוועניו טעאטער, 7טע און דזשיראַרד עווענין. א גאנצע וואך האט דאס קונסט ווינקל זיך אונטערגענומען צו שפילן אין יענעם טעאטער, אונטער דער פארוואלטונג פון סאול דיקשטיין און ראזעטא יעגער, וועלכע זיינען געווען די אנפירער פון טעאטער צוויי סעזאנען כסדר.

אין דער דאזיקער צייט איז אנגעגאנגען א קאמפף צווישן ארטש סטריט טעאטער און דעם דזשיראַרד עוועניו טעאטער. דאס ארטש סטריט טעאטער האט ניט דערלאזט, אז יוניאן אקטיארן זאלן שפילן אין דזשיראַרד טעאטער. האט מר. דיקשטיין איינגעלאדן „דאס קונסט ווינקל" און צוזאמען מיט ראזעטא יעגער און אנדערע שוישפילער, זיינען אויפגעפירט געווארן מיט א היפשן דערפאלג פארשידענע פיעסן. דאס קונסט ווינקל האט אין יענער צייט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זיין אמביציע אלס דילעטאנטן. אט זיינען עטלעכע פראגראמען פון זייער רעפערטואר, וואס איז געשפילט געווארן אין דזשיראַרד עווע־ניו טעאטער, אין דעם סיזאן 1931; די אזוי צו זאגן „גאלדענע עפאכע" פון דעם ליטעראַרישן קונסט ווינקל: 2)

אין איינעם פון זייערע פלוג־בלעטער, געפינט זיך פאלגענדע דער־קלערונג: „מיר שפילן זאכן פון בעסערע אידישע שרייבער, כדי צו

2) א. מיטוואך אוונט און שבת ביינאג, דעם 3טן יוני, 1931, איז אויפגעפירט געווארן „צעזייט און צעשפרייט" פון שלום עליכם, רעזשיסירט פון סעם ראטנער, מיט פאלגענדע: מאיר שאלאנט, סעם ראטנער; מלכה, פעי שיינבאום; מאטוועי, הערי צווייג; פלארא, אדעל גליקמאן; חנה, אנא הארן שפערלינג; חיים, וויליאם שפערלינג; וואלא־דיא, מאריס גאלדסמיט; סאשקא, מאריס דאווברג; משה׳לע, דייוו בען;

ערשטע שורה זיצענדיק: ראָזע ליסנער־נעלסאָן; מאניע בובער.
צווייטע שורה זיצענדיק: הערמאן קרעטשמער (ליליפוט); סיידי; ה. גאָלדמאן; דר. נייטן האָרינשטיין.
דריטע שורה שטייענדיק: יעקב סינגער; ה. נעלסאָן; מאריאנא קרעטשמער; מרס. קאפּלאן; א. האָכבאן; ל. פּרוכט; י. עלגארד.

באקענען אונזער יונגן דור מיט דעם בעסערן וואָרט פון דער אידישער ליטעראטור. מיר זוכן אויפצופירן מאָדערנע און ריינע ווערק, וועלכע קאָנען העלפן קולטיווירן די קונסט פון שיינעם שוישפיל. מיר לערנען די טעכניק פון דער בינע אויף אזא אופן אז דאָס שפילן זאָל זיין שיין, איידל און קינסטלעריש. מיר לערנען אויך די קונסט זיך צו גרימירן".

דאָרטן ווערן דערמאָנט פאָלגענדע אויפפירער: סטיידזש דירעקטאָר, סעם ראטנער; סטיידזש מענעדזשער, הערי סקלאראָוו; מאסטער אָוו פּראָפּערטיס, דוד בען; סענארי, הערי צווייג; אינסטראָקטאָר פון גרימירן, סעם ראַטנער; סופלאָר, מייקל גאָלדשמיט; געשעפטס־פארוואלטער, וויליאם שפּערלינג.

א טייל פון די מיטגלידער האָבן אויך געשפּילט מיט די אקטיאָרן

איטעלע, אסתר סאלאמאן; פעסל, דזשעני צייטלין; דאווידקע, מ. גליקמאן; בעני, יצחק סידער; מאַשאַ, סיליע אייבערמאן און דער פּריסטאַוו, יוסף פאול.

ב) דאָנערשטיק אוונט, דעם 4טן יוני, 1931, ווערט אויפגעפירט „דער דיבוק" פון ש. אנ־סקי, רעזשיסירט פון וויליאם שפערלינג מיט פאָלגענדע: ר' סנדר ברינ־יצער, יוסף פאול; לאה, אנא האָרן־שפערלינג; פראדע, דזשעני צייטלין; גיטל, אדעל גליקמאן; דער משולח, דייוו בען; מאיר, הערי צווייג; חנן, מאָריס גאָלדסמיט; העניך, וויליאם שפערלינג; אשר, מאָריס דאָווברג; ערשטער בטלן, יצחק סידער; צווייטער בטלן, הערי סקלאראָוו; דריטער בטלן, אייזיק שערמאן און פערטער בטלן, מ. גליקמאן.

ג) „מענטשן" פון שלום עליכם, רעזשיסירט פון וויליאם שפערלינג, מיט פאָלגענדע: דניאל, וויליאם שפערלינג; הערץ, יצחק סידער; ריקל, אדעל גליקמאן; פישל, דייוו בען; ליזא, סיליע אייבערמאן; פאַניטשקע, פעני שיינבאום; ר' סענדער, הערי סקלאראָוו; יוכבד, אסתר סאָלאָמאָן; ריוועטשקע, אנא האָרן־שפערלינג; און מאדאם גאָלד, געשפילט פון דזשעני צייטלין.

פרייטיק אוונט, דעם 5טן יוני, 1931, ווערט אויפגעפירט „גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין, רעזשיסירט פון וויליאם שפערלינג מיט פאָלגענדע: דוד נח, וויליאם שפערלינג; רחל, דזשעני צייטלין; הערש בער, דייוו בען; צינע, אנא האָרן־שפערלינג; אברהם יעקב, יצחק סידער; אלקנה, הערי סקלאַראָוו; גיטל, פעי שיינבאום; סטערע, אדעל גליקמאן און לוי יצחק, געשפילט פון מאָריס גאָלדסמיט.

איזידאָר און חנה האָלענדער אין דעם דזשיראַרד טעאַטער. אויף יענער אונטערנעמונג האָבן געערדט די שריפטשטעלער אברהם רייזען, ב. עפּעלבוים, לייב מלאך און י. מ. פּאָזנאַנסקי. עס איז אויך אויפגע־טראָטן די קלאַסישע טענצערן דאָרא סאָמאַילאָווא. א טייל האָבן זיך אויך באַטייליקט אין „מירעלע אפרת", געשפּילט פון מאַדאַם דיינא פיינמאַן.

אין 1932 געפינען מיר אויך א טייל מיטגלידער אין אַרטש סטריט טעאַטער, שפּילנדיק צוזאַמען מיט מאַקס ראָזענטאַל, סאַבינא וויינבלאַט־ראָזענטאַל, סעם קעסטין און פעני לובריצקי, אין דער פּיעסע „יעקב און רחל", א לעבנס בילד פון סיימאַן וואָלף. אינם זעלבן אַרטש סטריט טעאַטער טרעטן אויך אויף מיטגלידער פון קונסט ווינקל מיט דזשעני גאָלדשטיין אין „היינטיגע מיידלעך", און אין „די אומגעזעצלעכע פרוי", פון לואיס פריימאַן. יענעם יאָר באַטייליקן זיי זיך אויך מיט בן־ארי פון דער „הבימה", אין „אַמעריקאַנער חסידים", פון חנא גאָטעספעלד.

אין אוקראַיניען האָל, 874 נ. פרענקלין, איז דעם 12טן מאַי, 1933, געשפּילט געוואָרן „פון יענער וועלט", דראַמע אין 4 אַקטן פון י. ד. בערקאָוויץ.

מאָנטיק, דעם 3טן מאַרטש, 1933, טרעט דער קונסט ווינקל אויף אין „דיבוק" פון ש. אנ־סקי, געשפּילט צום ערן־אָוונט פון משה פעדער אין אַרטש סטריט טעאַטער. די טרופּע האָט געגעבען א גאַסט־שפּיל אין אידישן עדיוקיישאָנעל צענטער, דעם 28טן מאַי, 1933, אין דער פּיעסע „פון יענער וועלט". די אידישע פרעסע אין פילאַדעלפיע, „דער טאָג", „די אידישע וועלט" און „מאָרגן זשורנאַל", האָבן זיך גינסטיק אָפּגערופן איבער דעם אַרט שפּילן פון „קונסט ווינקל".

א גרויסע צאָל קאָנצערטן, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע קינסטלער־שוישפּילער, צוזאַמען מיט דעם ליטעראַרישן קונסט ווינקל, זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי, אין פאַרשידענע פעריאָדן, אָנהויבנדיק פון 1925 ביז 1936. דורך דער הילף פון קונסט ווינקל, האָט די היברו ליטעראַטור סאָסייטי א היפּש ביסל געוואונען ניט נאָר אין פרעסטיזש, נאָר אויך פינאַנציעל. דער זאַל פון דעם אנשטאַלט פלעגט מערסטנטייל זיין איבערגעפּאַקט מיט מענטשן.

גרינדערס און פירערס פון „קונסט ווינקל״

אהרן קאניעווסקי

טעאטער קריטיקער און פירער פון „קונסט ווינקל״

AARON KANIEVSKY



וויליאם שפערלינג

רעזשיסאָר און אָנפירער פון „קונסט ווינקל״

WILLIAM SPERLING

אין 1931, האָבן די מיטגלידער פון דער היברו ליטעראטור סאָסייטי צוגעגרייט א חגיגה, צו דער געלעגנהייט פון דעם 47טן יאָר זינט די דאָזיקע קולטור אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן. אין אוידיטאָריום איז פאָרגעקומען אן אויסערגעוויינליך־שיינער קאָנצערט, אין וועלכן עס האָט אנטייל גענומען דאָס דראמאטישע קונסט־ווינקל. דער הויפט „פיטשור" פון יענעם אוונט איז געווען די פאָרשטעלונג פון לעבעדיקע בילדער, באזירט אויף דער פּאָעמע „בערד", פון דוד ב. טירקעל. עטלעכע וואָכן האָט גענומען דאָס צוגרייטן זיך צו דער אויפפירונג פון די דאָזיקע לעבעדיקע בילדער. סעם ראַטנער, א געניטער טעאטראַל, וועלכער האָט גוט געקענט די טעכניק פון דער בינע, צוזאמען מיט וויליאם שפּערלינג, איינער פון די גרינדער פון קונסט ווינקל, האָבן צוגעגרייט דעם אנסאמבל, אויפצוטרעטן אין די דריי בילדער פון „די בערד."

די פּאָעמע „בערד" איז געשריבן געוואָרן אין 1904, א יאָר נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם און איז דערשינען אין פילאדעלפיער „שטערן" אין 1906. 3) אין דער פּאָעמע ווערט געשילדערט א גלות בילד פון א גרופּע אידן, וואָס ווערן פארטריבן פון זייער היים און לאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט אין דער ווייטער וועלט אריין, ניט ווִיסנדיק וואוהין און ניט ווִיסנדיק וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. מענער, פרויען און קינדער, זקנים און זקנות, גייען פארביי מיט פּעקלאך אויף די פּלייצעס און מיט שטעקנס אין די הענט, זוכנדיק א שפּאן ערד וואו א פוס אוועקצושטעלן, אָדער א שטיקל אָרט פון דלד אמות, וואו דעם מידן גוף אָפּצורוען. די טרערן, וואָס די פאָרוואָגעלדע אידן פארגיסן, ווערן פארזונקן אין די פּאַטריארכאַלישע בערד. וואנדלנדיק אויף די וועגן, שפּאנען די נודדים מיט שטארע אויגן, קוקנדיק אין חלל פון דער ווייטער וועלט.

א צווייט בילד שטעלט פאָר א סצענע אין בית המדרש שפּעט ביינאכט. אידן זיצן און לערנען מיט התמדה. אין חלל פון בית המדרש שוועבט אום די שכינה, שפּריצנדיק מיט טראָפּנס וויסן אויף די איינגע־

---

3) „דער שטערן", ציוניסטישער זאמלבוך, 1906—1907, פילאַדעלפיא. רעדאקטירט פון דוד ב. טירקעל.

קנייטשטע שטערנס פון די לומדים, וועלכע זוכן תשובות אויף די תיקו׳ס פון דער גמרא אין די פלפול־בערד.

דאָס דריטע בילד שטעלט פאָר א פּאָגראָם. אידישע מתים וואלגערן זיך אין גאַס און ווערן פארצוקט פון רויב־פויגל. ס׳זיצן אידן שטיל און מאכטלאָז מיט די קעפּ אראָפּגעלאָזן — שבעה אויף דער ערד. צופּן זיי פאר צער די בערד און רייסן די האָר פון די „יאוש־בערד״.



. . . און עס ווערן הייסע טרערן
טיף פארזונקען אין די בערד . . .

THE WANDERING JEW
Performed by the "Kunst Winkel"

פּ ע ר ד [4]

(גלות בילדער)

I

מיט די פּעקלאך אויף די פּלייצעס
און מיט שטעקענס אין די הענד,
פון דעם שונא רק געטריבען,
וואנדלען אידען,
וואנדלען אידען,
איינגעבויגען ביז צו ד׳ערד,
זייער לעבען האלב פּערצעהרט,
פון דעם שונא׳ס שארפע ציינער,
פון זיין שווערד.
און עס ווערען הייסע טרעהרען
טיעף פארזונקען אין די בערד.
אין די שווארצע, אין די געלע און די גרויע
גלות בערד
יאוש בערד,
פרומע בערד,
קיין מאָל פון א שער באשוירען,
קיין מאָל אויף דער ערד פארלוירען
ניט איין האָר;
אימער יעדע זילבער-ווייסע,
פּערל-מוטער צויבער האָר,
טיעף בעהאלטען
אין די בלעטער
פון די ספרים יאָהר נאָך יאָהר.

4) אָריגינעלע אָרטאָגראפיע.

II

איינגעהילט אין שטילען אומעט,
ביי דיא שטראהלען פון נר תמיד,
אין בית מדרש שפעט ביינאכט,

זיצען אידען טיעף געבויגען,
איינגעגראָבען מיט דיא אויגען
אין דיא ספרים, טיעף פערטראכט.

און דיא שכינה זאנפט און זאכט,
אין דעם חלל פון בית מדרש
שוועבט און שפריצט מיט טראָפּענס וויסען
אויף דיא שטערענס איינגעקנייטשטע;
אויף דיא מחות טיעף פארקלערט;
אויף דיא זיסע צויבער טענער
פון דעם „טאָמער גאָר פארקעהרט"?
און פארזונקען אין רעיונות
פון דעם „טאָמער גאָר פארקעהרט"
זיצען אידען, גלעטען בערד,
ציהען בערד,
קנייטשען בערד;

זוכען תשובות אויף די תיק"ו'ם פון דער גמרא
אין דיא בערד.

אין דיא שווארצע, אין דיא געלע און דיא גרויע
פלפול בערד.

III

ס׳ליגט הפקר דעם אידענס פערמעגען אין גאַס,
זיין קערפער אויף שטיקער צוגליעדערט,

די פינסטערע מאכט פונ׳ם שונא מיט כעס
האָט גרויזאם זיין כבוד ערניעדערט.

און עס קומען ווי רויב-פויגעל מחנות פון נעסט,
די פיינדע מיט שווערד און מיט אייזען,

און רופען מיט ווילדקייט: „צום אידישען פעסט,
חברים, חברים קומט שפייזען!״ . . . .

און עס זשומען און זינגען
העל-גרינבליכע פליעגען
ביים ברעג פון א טייכעלע
בלוט, זיך א ניגון,

און טונקען די שנאָבלען,
און זויגען, און גראבלען
דאָס בלוט פון א אידענ׳ס
צושטאָכענעם הערץ. . .

און עס שטעהט נעבען אידענ׳ס
געעפענטע וואונד,
מיט בייזקייט א ווילדער
א גרויזאמער הונד,

און סטשירעט די ציינער
און רייסט פון די ביינער
ארונטער דאָס פלייש
פון א אידישעם קינד. . .

דאן פארשטיינערט שטום און מאכטלאָז,
מיט די קעפּ אראָפּגעלאָזען,

זיצען אידען,
זיצען אידען

נאָך די פאָטערס, און די מוטערס, און די קינדער
שבעה אויף ד׳רערד.
און מיט ציטערדיגע הענד,
קריצענדיג פאר כעס די ציינער,
נעמען אידען צופּען בערד
פליקען בערד, בייסען בערד,
איינגעפלאָכטען טיעף די פינגער
אין די בערד.

אין די מיט טרעהרען — אָנגעזאָפּטע,
אייביג עלענד, בלוט־פערצאפּטע
יאוש בערד.

* * *

ימים טרעהרען, טרייסט און עלענד,
בערג מיט שמערצען און פערצווייפלונג
ליעגט בעהאלטען אין די בערד,
אין די שווארצע, אין די געלע און די גרויע
גלות בערד!

דוד בער טירקעל

די בילדער ווערן סצענירט אין פראָנט פון דער בינע מיט א דורכ־זיכטיקן פאָרהאַנג. די ליכט־עפעקטן האָבן זיך צוגעפּאסט צום אינהאַלט און אויסדרוק פון יעדן בילד.

דורכגעפירט זיינען זיי געוואָרן פון פאָלגענדע מיטגלידער פון קונסט ווינקל. פרויען: דזשעני צייטלין, פעי שיינבוים, מיס גוראַלניק, מרס. הורוויץ, סיליע אייבערמאַן, אַננאַ האָרן־שפּערלינג; מענער: דייוו בען, יצחק סידער, הערי סקלאַראָוו, מאָריס גאָלדסמיט, יוסף פּאול, הערי גאָלד־סמיט, מ. זובערמאַן, אייזיק שערמאַן, הערי צווייג, הורוויץ, גליקמאַן, די ברידער דאוובערג, סעם ראַטנער און וויליאַם שפּערלינג.

די פעסט רעדע איז געהאַלטן געוואָרן פון ריכטער וויליאַם מ. לואיס, 5) וועלכער איז געווען איינער פון די דירעקטאָרן אין דער היברו ליטע־ראַטור סאָסייטי. ער האָט געגעבן א רעזומע פון די טעטיגקייט פון קול־טור אנשטאַלט און געלויבט די אויפפירונג.

אינם פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען אהרן קאַניעווסקי מיט א פאָר־לעזונג, און נעט גראַסמאַן און מאַקס מאַנדל — מיט געזאַנג. חוץ לזה איז אויפגעפירט געוואָרן „ס'א ליגן" פון שלום עליכם, רעזשיסירט פון דייוו בען, און „פאַר דער טיר" פון י. ל. פרץ, רעזשיסירט פון וויליאַם שפּערלינג. הערי גיטמאַן, פּרעזידענט פון „היברו ליטעראַטור סאָסייטי", איז געווען דער פאָרזיצער.

דעם 16טן יוני, 1935, האָט „דאָס קונסט ווינקל" פאַקטיש געגעבן דעם לעצטן קאָנצערט. דאָס איז געווען לכבוד דער באַנייאונג פון דער געביידע פון דער „היברו ליטעראַטור סאָסייטי". אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: רוטה דזשאָזעף און דאָריס (דבורה) טירקעל, פּיאַנאָ; די חזנים פּערקינס און מאַרגאָליס, געזאַנג; און דער אנסאַמבל, אין איין אַקטערס.

צווישן די פרויען פון דעם קונסט ווינקל האָט זיך געפונען איינע, וועלכע האָט ארויסגעוויזן א גאַנץ שיינעם טאַלאַנט און באַגריף אין דעם צוזאַמענשטעל פון א פּיעסע. די פרוי, מאַדאַם אסתר סאָלאָמאָן, האָט אין ווינטער 1936 אָנגעשריבן א פּיעסע אונטערן נאָמען: „א מענטש אָן א נאָמען", וואָס זי האָט שפּעטער געביטן אויף „סודות פון לעבן".

---

5) געשטאָרבן מאָנטיק דעם 30טן יאַנואַר, 1939.

47טער יאהר טהעטיגקייט

פון דער היברו ליטעראטור סאסייעטי

310 קעטהרין סטריט

זונטאג אווענט, דעם 15טען נאוועמבער, 1931

וועט ערעפענט ווערען דער 47טער יאהר טהעטיגקייט פון דער היברו
ליטעראטור סאסייעטי, מיט פאלגענדען פראגראם:

דזשאדזש וויליאם מ. לואיס

פעסטרעדנער

צום ערשטען מאל וועט פרעזענטירט ווערען **„בערד"** גלות בילדער, פאעמע גע-
שריבען פון **דוד ב. טירקעל**

סצענירט און אויפגעפיהרט אין לעבעדיגע בילדער און ליכט עפעקטען
פון סעם ראטנער און וויליאם שפערלינג
מיט דער באטהייליגונג פון דער
שפיעלער גרופע פון קונסט ווינקעל:

דזשעני ציטלין	יוסף פאלל
פעי שיינבאום	הערר גאלדסמיטה
מיסס גוראלניק	מ. זובערמאן
מרס. הורוויין	אייזיק שערמאן
סיליע אייבערמאן	הערדי צווייג
אננא הארן ספוירלינג	מר. הורוויין
דייוו בען	מר. גליקמאן
יצחק סידער	דאווענבערג ברידער
הערי סקלאראוו	סעם ראטנער
מארים גאלדסמיטה	וויליאם ספוירלינג

אהרן קאנעווסקי — פארלעזונג
נעט גראסמאן — זינגער
מאקס מאנדעל — זינגער

שלום עליכם׳ס
„ס׳אליגען"
אויפגעפיהרט פון
נאנצען קונסט ווינקעל
רעזשי, דייוו בען

י. ל. פרצ׳ס
פאר דער טהיר
אויפגעפיהרט פון
אננא ספערלינג און לואיס סוקאניק
רעזשי, וויליאם שפערלינג

פרעזידענט **הערי גיטמאן**, טשערמאן פון אווענט

רעפרעשמענטס סערווירט נאך דער **אונטערנעהמונג**

Producing the poem "BEARDS" by David B. Tierkel

אין דער פּיעסע ווערט פאַרגעשטעלט די תקופה פון די קאַנטאָניסטן אין רוסלאַנד: א געוויסער גרושעווסקי, וועמען די „כאַפּערס" האָבן אָפּגעגעבן פאַר א סאָלדאַט אין דער ארמיי פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, האָט זיך געשמדט און זיך דערדינט צום ראַנג פון א גענעראַל. זייענדיק קינ־דערלאָז, האָט ער אַדאָפּטירט א אידיש קינד און אים דערצויגן אַלס קריסט. דער אַלטער גענעראַל איז געשטאָרבן און דער אַדאָפּטירטער זון האָט געירשנט די רייכע אימעניע פון זיין אַדאָפּטירטן פאָטער.

זייענדיק פון אידישער אָפּשטאַמונג, האָט ער חתונה געהאַט מיט א אידישער מיידעל, מיט וועמען ער האָט געהאַט א טאָכטער. גרושעווסקיס פרוי איז געשטאָרבן אין קימפּעט און אין דעם קינד, מילי, איז איינגע־פלאַנצט געוואָרן א האַס צו אידן, דורך דעם גלח און דריי נאָנעס, וועלכע האָבן דאָס קינד דערצויגן. דער פאָטער, גרושעווסקי, פלעגט אָבער טענהן צום קינד, אז די אידן זיינען ניט אזוי שלעכט, ווי מען האָט זיי פאַר איר פאַרגעשטעלט.

די טאָכטער ווערט עלטער. זי גייט ארויס אויף דער וועלט אויס־פאָרשן, וואָס פאַר א פאָלק די אידן זיינען. זי געפינט אויס, אז איר פאָטער האָט רעכט, אז די אידן זיינען גאָרניט אזוי שלעכט, ווי דער גלח האָט איר איינגערעדט. זי טרעפט זיך מיט א יונגן אידישן בחור, אין וועלכן זי פאַרליבט זיך. דער יונגערמאַן איז דער זון פון דעם רב פון שטעדטל. שטייענדיק אונטער דער חופה מיט דעם רבס זון, קומט איר פאָטער גרושעווסקי און רייסט זי אפיר פון אונטער דער חופה.

דאָס מיידעל האָט ביטער געליטן. זי האָט דעם אידישן חתן שטאַרק ליב געהאַט. איר אידישע מאַמע קומט איר צו חלום און גיט איר אן עצה, אז זי זאָל אוועק פון דער היים און חתונה האָבן מיט דעם אידישן יונגנמאַן. ביים פּריץ גרושעווסקי אין הויז, האָט זיך געפונען אן אַלטע דינסט, פּאַראַסקאַ, וועלכע האָט נאָך געדינט ביי גרושעווסקיס פאָטער, דעם אַלטן גענעראַל. מילי פרעגט זיך נאָך ביי פּאַראַסקאַן, פאַרוואָס האָט איר פאָטער זי אוועק געריסן פון געליבטן און זי געוואָלט אריינגעבן אין א מאָנאַסטיר.

די דינסט דערציילט איר דעם גאַנצן אמת, אז איר מאַמע איז געווען א אידיש קינד, און אז איידער זי איז געשטאָרבן, האָט זי אָנגעזאָגט דער דינסט, צו אנטפּלעקן דעם סוד צו איר טאָכטער. דאָס מיידל האָט ענד־

לעך חתונה מיטן רבס זון. דער פּאַטער גרושעװסקי קומט שפּעטער מאַנען זײן טאָכטער און בעט עס װערט א טומל, קומט ארײן די דינסט און דערלאַנגט דעם פּריץ אַן ארבע כנפות מיט א צעטל. איר האַר, דער פּריץ, קוקט אַן די הפצים מיט פאַרװאונדערונג. ער קען דאַס צעטל ניט איבערלײענען.

גיט אים די דינסט אַן עצה, אז ער זאָל אװעק צום רב. דער רב לײענט איבער דאָס צעטל, און עס װײזט זיך ארױס, אז דער פּריץ גרושעװסקי איז דעם רבס א ברודער, װעמען פּאַגראָמשטשיקעס האָבן אװעקגערױבט צוזאַמען מיט זײן מוטער, װעלכע האָט דער דינסט איבערגעבן דעם טלית קטן מיט דעם צעטל אײדער זי איז געשטאָרבן.

מאַדאַם סאָלאָמאָן האָט עטלעכע מאָל פאָרגעלעזן די דאָזיקע פּיעסע פאַר די מעמבערס פון דעם קונסט װינקל, און מען האָט באַשלאָסן איר אויפצופירן אין דער היברו ליטעראַטור סאָסײטי. דעם 26טן מאַי, 1935, איז די פּיעסע אויפגעפירט געװאָרן צום ערשטן מאָל אין דעם אודיטאָ־ריום. דער אנסאַמבל איז באַשטאַנען פון דײװו בען, יצחק סידער, יעקב ראָזען, הערי באַראַש, הערי סקלאַראָװ, די ברידער בוירג, װיליאַם שפּער־לינג, מאַדאַם גודמאַן, מאַדאַם סײדעל, אסתר סאָלאָמאָן און אנא שפּער־לינג. הערי גיטמאַן, פּרעזידענט פון דער היברו ליטעראַטור סאָסײטי, און דוד ב. טירקעל, האָבן געהאַלטן אײנלײטונג־רעדעס. די אידישע צײ־טונגען האָבן זיך סימפּאַטיש אָפּגערופן און האָבן געלױבט די פאַרפאַסערן און אויך די שױשפּילער.

א טײל מעמבערס פון ליטעראַרישן קונסט װינקל, זײנען שפּעטער אויף פאַרכאַפּט געװאָרן פון דער ראַדיאָ. די מענער דילעטאַנטן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אין דעם זאַל פון דער ראַדיאָ סטאַנציע, 6) די פּעלצענע בערד און די לאַנגע קאַפּאָטעס און די װײבער האָבן מיטגע־בראַכט די שײטלעך און גאַרדעראָבעס, און „געפּראַװעט טעאַטער" פאַר א פּובליקום, װאָס פלעגט קריגן אומזיסטע בילעטן פון דער קאָמפּאַניע, צו קומען אין דעם פּאָדערשטן גרױסן זאַל פון דער ראַדיאָ סטאַנציע.

---

6) די ראַדיאָ סטאַנציע „דאָבעליו־אַר־עי־עקס" האָט אויפגעהאַלטן א ספּעציעלן זאַל פאַר מענטשן צו קומען פאַרברײנגען אין דער צײט װען די אידישע שטונדע איז אויפגעפירט געװאָרן.

אסתר סאָלאָמאָן

דראמאַטורגין פון „קונסט ווינקל"

ESTHER SOLOMON

Playwright of the Kunst Winkel

דער ראַדיאָ ספּעקטאַקל האָט אַראָפּגעפירט פון וועג די קונסט ווינקל גרופּע. עטלעכע פון די בעסערע שפּילער, האָבן געמאַכט שבת פאַר זיך אַליין. זיי פלעגן פאַרדינגען זייער טאַלאַנט צו די פאַראיינען יעדן זונטיק, וואו זיי האָבן אָפּגעגעבן קאָנצערט. דער אידעאַליזם און די קונסט איז אַריין אין מאַרק, און דער רוח הקודש פון טעאַטער האָט זיך אינגאַנצן פון זיי אָפּגעטאָן.

דער סאַמע לעצטער אַקט פון קונסט ווינקל איז געווען די דורכפירונג פון אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דער קאַמף", געשריבן פון זייערן אַ מיטגליד, יוסף זשיטאָמירסקי. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין אַרטש סטריט טעאַטער דעם 22טן נאָוועמבער, 1935. יענעם אָוונט, צוליב דעם שלעכטן וועטער זיינען געקומען אַ הונדערט מענטשן. „דער קאַמף" האָט אויך געזאָלט געשפּילט ווערן דעם צווייטן אָוונט, דעם 23טן נאָוועמבער, אָבער צוליב דער זעלביקער סיבה, זיינען די טירן פון טעאַטער גאָרניט אויפגעמאַכט געוואָרן. דערפאַר אָבער האָט דאָס קונסט ווינקל געהאַט די זכיה פאַרשריבן צו ווערן אין דער געשיכטע אַלס די לעצטע טרופּע, וועלכע האָט געשפּילט אַ אידישע פּיעסע אין אַרטש סטריט טעאַטער. אין עטלעכע חדשים אַרום איז דאָס אַרטש סטריט טעאַטער, וועלכעס איז געווען די היים פון אידישן טעאַטער צענדליקע יאָרן נאָכאַנאַנד, אַרונטערגעריסן געוואָרן, צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַן „אָפּען עיר גאַראַדזש".

דער אינהאַלט פון „דער קאַמף" באַהאַנדלט דעם צושטאַנד פון דעם אידישן אַרבעטער אין אַמעריקע. דאָרט ווערט פאָרגעשטעלט די דיסקרימינאַציע פון אידישן אַרבעטאָרער ניט נאָר אין די פאַבריקן פון גוי־אישע אייגנטימער, נאָר אויך פון אידישע.

דאָרט ווערט פאָרגעשטעלט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דעם אידישן אימיגראַנט, וועלכער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט דורך דער פּראַצע פון אידישן אַרבעטער. דער שרייבער ווייזט אָן, ווי אַזוי „מענדל האָניק" שפּרייט מיט געלט אין די פאַרשידענע צדקה אַנשטאַלטן, צוליב כבוד און אַדוועטייזן זיין נאָמען ווייט און ברייט איבער דער שטאָדט. ביי זיך אָבער, אין דער קליידער פאַבריק, האָט ער פיינט די אידישע אַרבעטער. שאַפּיראָ, מענדל האָניקס איידעם, איז אַ באַוואוסטער לאָיער און אַ פירער פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויך ער וויל ניט באַשעפטיקן קיין אידן אין זיין אָפיס.

ביי שאפיראָן ארבעט א סטענאָגראפיסטין, אנא מעי לאַפּ, וועמעס אמתער אידישער נאָמען איז גאָר חנה לאפּידוס. שאַפּיראָ אָבער ווייסט ניט, אז זי איז א אידיש מיידל, ווייל אויפן האלז טראָגט זי א צלמל, און אויף דעם זעלבן קייטעלע, וואָס זי טראָגט דעם צלם, געפינט זיך פון הינטן אויפן נאַקן א מזוזה. חנה׳ס עלטערן ווייסן ניט דערפון, ווייל ווען זי קומט אהיים דרייט זי איבער די מזוזה פון פאָרנט און דעם צלם פון הינטן.

אין אָפיס פון שאפיראָן קומט אריין א קריסטלעכער יונגערמאן און פארליבט זיך אין דער מיידל. זי פארליבט זיך אויך אין אים, אָבער ווען זי דערוויסט זיך, אז ער איז א קריסט און אז זי וועט מיט אים ניט קענען התונה האָבן, באגייט זי זעלבסטמאָרד.

ביי מענדל האָניק אין שאַפּ ארבעט מאיר לאפּידוס, א ברודער פון עני מעי לאַפּ, אָדער חנה לאפּידוס. ער איז א פירער פון דער קלאָדינג יוניאָן און א מאָדערנער אינטעליגענטער מענטש. אין דער היים פירט ער אָן א געשפּרעך מיט זיין אלטן פאָטער, דניאל לאַפּידוס, און ווייזט אים אויף, אז די אידישע רעדל פירער און כלל טוער זענען ניט ערנסט מיט זייער צדקה־ארבעט; אז זיי זענען אויסן בלויז דעם כבוד און די אד־ווערטייזמענטס וואָס זיי קריגן אין שטאָדט פאר זייער ארבעט.

דניאל לאפּידוס, וועלכער איז אמאָל געווען א וואוילהאבענדער מענטש, פארלירט זיין געלט און ווערט פאראָרעמט אויף דער עלטער. ער קומט צו לאָיער שאפּירא, וועלכער איז פּרעזידענט פון א מושב זקנים און בעט מ׳זאָל אים דאָרט אריינגעמען. דאָרטן ווערט ער געוואויר אז שאפירא איז דער בעל הבית ביי וועמען זיין טאָכטער האָט געארבעט און וואו זי איז באגאנגען זעלבסטמאָרד.

ביי שאפיראָן אין הויז, ווערט יענעם אוונט געפּראוועט א סיום התורה און דער עולם לאָזט זיך וואוילגיין. דער רב פון שטאָדט האלט א רעדע און לויבט דעם פאבריקאנט מענדל האָניק, וועלכער האָט זיך געפינען אויף דער שמחה פון סיום התורה אין הויז פון זיין אײדעם שאפּירא. ווען דער אלטער לאפּידוס, דער יורד, הערט די דאָזיקע שבחים אויף מענדל האָניק, וועלכער איז דניאלס לאנדסמאן, שרייט ער אויס: ס׳איז א ליגן! האָניק איז אן עקספּלאָטאַטאָר, אן אַנטיסעמיט, ער וויל ניט געבן צו

פּאָוסטער פון דער לעצטער אידישער פּיעסע אויפגעפירט אין ארטש סטריט טעאטער עטליכע וואָכן איידער די טעאטער געביידע איז ארונטער געריסן געוואָרן.

שׂצענע פון דריטן אקט אין הירשביינ'ס „גרינע פעלדער", געשפּילט פון דעם „דראמאטישן קונסט ווינקל"

פּאַרדינען קיין אידישן אַרבעטער. דניאל פּאַלט אַוועק, און מ׳נעמט אים צו אַ טוידטן פון שאַפּיראָס הויז.

אין „דער קאַמף" האָבן אַנטייל גענומען: נען גאָלדבערג, מיני גלאַ־זער, הינדע וואַלדמאַן, איידע לואיס, אסתר סאָלאָמאָן, שרה סיידעל, מירסקי, יצחק סידער, הערי סקליאַראָוו, אברהם עסריק, יעקב קראַסנער, יעקב ראָזען און וויליאַם שפּערלינג.

די ליטעראַריש דראַמאַטישע געזעלשאַפטן צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען טאַלאַנטפולע יונגע מענער און פרויען זיינען זיך ביסלעכווייז צעפאַלן געוואָרן. דאַמאָלט איז אויך געווען דער אָנהויב פון דער ירידה פון די פילע לאַנדסמאַנשאַפטן, סאָסייטיס, לאַדזשען און דעם גאַנצן פראַ־טערנאַלן סיסטעם.

אין די ערשטע יאָרן פון דער אימיגראַציע, זיינען די דאָזיקע פראַ־טערנאַלע אָרגאַניזאַציעס געוואַקסן אומגעהויער אין צאָל. וואו אַ גרופּע אידן, איז דאָרטן אויסגעוואַקסן אַ סאָסייטי אָדער לאַנדסמאַנשאַפט וועג־מענס צוועק ס׳איז געווען צו שטיצן אירע מיטגלידער מיט קראַנקן בע־נעפיט און מיט פאַרזיכערונג פון בערך פינף הונדערט דאָלאַר נאָכן טוידט. די דאָזיקע סאָסייטיס פלעגן אָפּהאַלטן זייערע מיטינגען על פּי רוב איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ חודש, און פאַרן ניט אויסגעגרינטן אידן זיינען די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען געווען אַ מין גייסטיקע דערהויבונג. דאָרטן האָט ער זיך געקענט אויסלעבן צווישן אייגענע מענטשן, און אגב אַנטוויקלען זיינע אייגענע פייאיגקייטן.

די זיצונגען פלעגן זיך תמיד פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט דע־באַטירנדיק וועגן קראַנקן בענעפיט, וועגן קרקע אָדער סתם וועגן אַן אומוויכטיקן ענין. די מיטגלידער האָבן דוקא גרויס הנאה געהאַט פון די דאָזיקע דיסקוסיעס, און אומגעדולדיק געוואַרט אויפן צווייטן מיטינג.

זיינען אָבער יאָרן געלאָפן, און די צייט האָט זיך געטאָן אירס. די מיטגלידער זיינען עלטער געוואָרן, און אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסצו־שטאַרבן. די טוידטן־בענעפיטן האָבן זיך פאַרמערט, און די צאָלונגען זיינען געוואַקסן. נייע מיטגלידער זיינען ניט צוגעקומען, און די סאָסיי־טיס האָבן זיך געזען געצוואונגען — אָדער זיך צו פאַראייניקן מיט אַנ־דערע אָדער אין גאַנצן אויפצוהערן עקזיסטירן.

דער דאָזיקער מצב האָט אַריינגעוואָרפן די פאַרבליבענע מיטגלידער אין אַ ייאוש׳דיקע שטימונג. זיי זיינען געוואָרן אַפּאַטיש, און אויפ־

געהערט קומען צו די מיטינגען. די פירער האָבן גיך איינגעזען, אז עפּעס וואָס מוז געטאָן ווערן צו פאַראינטערעסירן דאָס ביסל טריי פאַר־בליבענע מיטגלידער, און זיי זיינען געפאַלן אויף אן המצאה: זיי האָבן באַשלאָסן איינצואָרדנען ביי די מיטינגען אונטערהאַלטונגען און פאַר־ווײַלונגען.

האָט זיך אָנגעהויבן א געלאַף נאָך טאַלאַנטן, און אז מ'האָט אזוינע געפונען, האָט מען זיי גאָר שיין באַלוינט. אין פילאַדעלפיע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען בערך צוויי הונדערט פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַ־ציעס, און פאַקטיש נײַנציק פּראָצענט פון זיי האָבן געהאַט זייערע מיטינ־גען זונטאָג אוונט. די דראַמאַטישע געזעלשאַפטן האָבן דאָ פּלוצים אַנטדעקט א „קלאָנדייק", ממש א גאָלד־גרובן, און זיך געלאָזט גוט באַצאָלן. דער פּרייז פון אונטערהאַלטן איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג גרעסער און גרעסער, און א סך פון די מער דערפאָלגרייכע האָבן זיך געקויפט אָטאָמאָבילן כדי צו קענען לויפן פון איין אָרגאַניזאַציע אין דער אנדערער אָן פאַרלוסט פון צייט.

דער פּרייז איז אזוי הויך געשטיגן, אז ער האָט שוין געהאַט דער־גרייכט די סומע פון פופציק ביז פינף און זיבציק דאָלאַר אן אוונט. פאַרשטייט זיך, אז דאָס דאָזיקע האָט אוועקגערויבט די דראַמאַטישע געזעלשאַפטן פון זייער אידייאישקייט, און זיי פאַרפירט אין א מצב פון קליינקרעמעריי.

דער קלאָגעדיקער מצב פון סטאַבילן טעאַטער איז צוליב דעם אויך פאַרערגערט געוואָרן. דער אויפפירן קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען ביי די מיטינגען, האָט אָפּגעשלאָגן דעם חשק פון די סאָסייטיס צו קויפן בענעפיטן אין אידישן טעאַטער. בלויז די דאָזיקע פאַראיינען וואָס האָבן זיך געניטיקט אין גרויסע פאָנדן, האָבן נאָך אמאָל געקויפט א בענעפיט פאָרשטעלונג. געטאָן האָבן עס על פּי רוב די צדקה חברות, וועלכע זיינען תמיד אויסן ניט דעם פאַרגעניגן נאָר די עטלעכע דאָלאַר ריוח. די לאַנדסמאַנשאַפטן און סאָסייטיס האָבן זיך אָבער צופרידנ־געשטעלט מיט די אייגענע אונטערנעמונגען ביי די מיטינגען.

דער דאָזיקער הפקר'דיקער צושטאַנד האָט אויך געפירט צום פאַנ־אַנדערפאַל פון די דראַמאַטישע פאַראיינען. דער אמאָליקער אידעאַ־ליזם און באַשטרעבונג צו א שענערן און בעסערן טעאַטער, איז אוועק מיטן רויך און ניט געלאָזן קיין סימן הינטער זיך.



יוסף פּאָול
„דער מאָדערנער שמשון הגבור"

מיטגליד פון ליטעראַרישן קונסט ווינקל, אויפגעטראָטן אין
פאַרשידענע ראָלן אויף דער אידישער בינע.

JOSEPH PAUL — The Modern "Samsom".

פירטער קאפיטל

די בירגערלעכע דראמאטישע געזעלשאפטן. — די גרויסע שפע פון פארטייען און אידעאָלאָגיעס פון אידישע אי־מיגראנטן.— פראָפאגאנדע דורך דער בינע.—אברהם האָכבאַן גרינדעט די „דראמא גילד".—די מענדעלע מוכר ספרים בינע.—די פרץ דראמאטישע געזעלשאפט. — „יאָנג פיפלס סאָשעליסט ליג" (יפסל) שפילט טעאטער. — די אויפפירונג אין ענגליש פון דער ס'אָוועטישער דראמא „רעד ראָסט" (רויטער זשאווער). — די יאָנג מענ'ס היברו אסאָסיאיישאָן. — דייטש־אידישע אינ־סטיטוציעס. — רעבעקאַ גראַטץ און רבי יצחק לעסער.

אין די ערשטע פינף יאָר פון איצטיקן יאָרהונדערט איז דער צופלוס פון דער אימיגראציע געווען זייער גרויס. די גרינע אידן האָבן בלויז אין זינען געהאט זיך צו אָריענטירן אויף דעם נייעם באָדן. פונדעסט־וועגן האָט זיך אָנגעהויבן צו רודערן אויף דער אידישער גאַס. ס'איז אנטשטאנען א גרויסע שפע אויף פארטייען און אידעאָלאָגיעס. אין דעם אידישן לעבן אין פילאדעלפיע הויבן זיך אָן באווייזן פארטיי אָרגאני־זאציעס פון „בונד", „פועלי ציון," „טעריטאָריאַליסטן", „עס־עראָוור־צעס", און אפילו די „פע. פע. עס." האָט דאָ אויך ניט געפעלט. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט פראָפאגאנדע. יעדע פארטיי האָט גע־שלעפט די יוגנט צו זיך. עס פלעגט כמעט ניט סטייען קיין זאלן אין דעם אידישן געגנט צו אַקאָמאָדירן די פארזאמלונגען.

די שטימונג צווישן דער יוגנט איז געווען א ראדיקאלע. ביכער פון פארטיי טעאָרעטיקער זיינען געלייענט געוואָרן ניט נאָר אין די אידישע ביבליאָטעקן, נאָר אויך אויף פארזאמלונגען, און אין דער היים.

אלס מיטל צו פראפאגאנדע האט מען אנגעהויבן צו באנוצן די אידישע בינע, און עס פארשטייט זיך אז די דראמאטישע געזעלשאפטן זיינען אויך ניט אויסגעלאזט געווארן. עס האט זיך באוואויגן א כוואליע פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס. די יוגנט האט ניט געוואוסט וואו זיך אפצושטעלן. עס איז געווארן א מין ערבוביא ביי זיי אין די מחות.

צוזאמען מיטן שטראם פון פארטיי באוועגונגען איז דאמאלט, אין א גאר גרויסער מאס געקומען צום אויסדרוק די טרייד יוניאן באוועגונג, ספעציעל אין דער נאדל אינדוסטריע, וואס איז דאמאלט געווען די גרעסטע צווישן די אידישע ארבעטער. וואס אמאל זיינען צוגעקומען נייע יוניאנס, וועלכע האבן ארויסגעוויזן א שטארקן אימפעט אין זייער אנטוויקלונג. אין יענער צייט האבן זיך אויך שטארק פארמערט ארבעטער רינג ברענטשעס אין פילאדעלפיע. די הויפט קווארטיר פון די יוניאנס און ארבעטער רינג ברענטשעס איז געווען אין 505 ריד סטריט, א פלאץ וואס איז געווען צו קליין צו אקאמאדירן די דאזיקע אלע ארגאניזאציעס.

אין דער דאזיקער כוואליעדיקער באוועגונג פון פארטייען און גרופן, האט זיך אויך אויסגעפארמירט א מער אימפעטיקע טעטיגקייט אין די עקזיסטירנדיקע ליטעראריש־דראמאטישע געזעלשאפטן, און דוקא אין יענער צייט איז פון די קלענערע גרופן אויסגעוואקסן א צוויי דריי גאר וויכטיקע דראמאטישע געזעלשאפטן.

די יוניאנס און ראדיקאלע ארגאניזאציעס האבן אין יאר 1922 זיך פארגינען אפצוקויפן א געביידע וואס איז געשאצט געווארן אין א פערטל מיליאן דאלאר, דעם „מיוזיקעל פאנד האל״, 810 לאקוסט סטריט, און געביטן דעם נאמען אויף „דער פילאדעלפיער לייבאר אינסטיטוט״. דאס פלאץ איז געווען גרויס גענוג אנצופירן די טעטיגקייט פון די יוניאנס, און צו פארדינגען האלס צו אנדערע ארגאניזאציעס. אין דער דאזיקער געביידע האט זיך אויך געפונען א גרויסער זאל, מיט ארום צוועלף הונדערט שטולן, וואס האט געדינט פאר מאסן פארזאמלונגען, ארבעטער־אויפקלערונג, און סאציאליסטישער פראפאגאנדע.

אין דער געביידע האט זיך אויך געפונען א היבשע ביבליאטעק און א לעזע־זאל, און שפעטער איז דארטן ארגאניזירט געווארן די „דראמע



א ב ר ה ם   ה אָ כ ב א ן

רעזשיסאָר, פּאַרוואַלטער און שרייבער פון דער „דראַמאַ גילד".

ABRAHAM HOCHBAN

Stage Manager and Playwright of the "Drama Guild"

גילד", וואָס עקזיסטירט נאָך איצט, און איז אָנגעפירט געוואָרן מיט גרויס פּייאיגקייט פון דעם רעזשיסאָר אברהם האָכבאַן. 1)

דער דאָזיקער יונגערמאַן איז געווען איינער פון די הויפּט אָנפירער פון דער דראמע גילד (אויך באַקאַנט אַלס „די אינסטיטוט דראמע גילד" אויפן נאָמען פון דעם לייבאָר אינסטיטוט). ווען האָכבאַן איז שפּעט אין אוונט פאַרטיק געוואָרן מיט זיין ארבייט אין אָפיס פון „פאָרווערטס" האָט ער זיך גענומען צו דער קונסט. ער פלעגט זיצן דורך די נעכט און איבערזעצן אין אידיש דראמעס און איינאַקטערס פון רוסיש, צו־גרייטן די ראָלן פאַר די מיטגלידער און בכלל אויסארבעטן אַלע דעטאַלן פאַר די אויפפירונגען.

א דאַנק זיין איינפלוס האָט די „דראמע גילד" זיך פאַראייניקט מיט דער „מענדעלע מוכר ספרים פאָלקס בינע", וועמען עס איז שפּעטער אויסגעקומען צו שפּילן נאָר א גרויסע ראָל אינם קולטורעלן לעבן.

שבת דעם פירצנטן יאַנואַר, 1922, האָט די „מענדעלע פאָלקס בינע" אויפגעפירט איר ערשטע פאָרשטעלונג, דעם איינאַקטער „גליקס־פאַרגע־סענע" פון דוד פּינסקי, און באַטייליקט האָבן זיך: אסתר מאַנאָווא, לאה ליבערטי און הערש שפּריצמאַן; דער איינאַקטער „דאָס אייביקע ליד", און „מיין ווייבס משוגעת" פון מארק אָרנשטיין. באַטייליקט האָבן זיך: מישא טשערנאָוו, אסתר סאַקס און אברהם האָכבאַן; רעזשי פון עמאַנועל מאַנאָוו. דער עקזעקוטיוו סטעף פון דער פאָלקס בינע איז געווען: עמאַנועל מאַנאָוו, רעזשיסער; הערש שפּריצמאַן, סעקרע־

---

1) אברהם האָכבאַן איז געבוירן געוואָרן אין אָסטראָ, וואָלינער גוב. רוסלאַנד, אין 1893. ער איז דערצויגן געוואָרן אין חדרים און האָט אויך געלערנט די רוסישע שפּראַך אין דער „גאָראָדסקאָיע" שולע. צו 16 יאָר, איז אברהם אוועק פון דער היים און זיך אָנגעשלאָסן אָן א טעאַטער טרופּע, וואָס פלעגט ארומפאָרן אין פאַרשידענע שטעדט. אין 1913 איז ער געקומען קיין פילאַדעלפיע און האָט זיך גענומען אויס־בילדן אין דער ענגלישער שפּראַך. ער האָט אויפגענומען א קורס אין זשורנאַליזם אין טעמפּל אוניווערסיטעט. אין 1918 קומט ער אָן אין דער געשעפטס אָבטיילונג פון פילאַדעלפיער אויסגאַבע פון „פאָרווערטס" וואו ער איז פאַרבליבן ביז דעם טאָג פון זיין טוידט, דעם 13טן אויגוסט, 1936.

טאר; אברהם האַכבאַן, געשעפטס־פירער; ט. גאָרעליק, סטיידזש קאָר־פּענטער; סעם בלעק, גרימירער און דעקאָראַטאָר. מיט א וואָך שפּע־טער האָבן זיי אויך אויפגעפירט אין רוסיש „מעדוועדיעוו" און „סלושאַי, וואַשע ווייסאַקי בלאַגאַראַדיע", מיט דער באַטייליקונג פון ה. ווישניעוו־סקי, מאַדאַם גערשבערג, ה. קאַצאָפּסקי, מיס לעסאָוואַי, ה. ראַדאַם; רעזשיסאָר: ה. ווישניעווסקי.

אין דער פּראָגרעסיוו לייברערי, 4035 דזשיראַרד עוועניו (איצט „קולטור צענטער") איז אין יענער צייט אויך געשפּילט געוואָרן אייניקע אונטערנעמונגען פון דער מענדעלע מוכר ספרים פאָלקס בינע. דער ערשטער ארויסטריט איז געווען „צעזייט און צעשפּרייט", רעזשיסירט פון עמאַנועל מאַנאָוו. 2)

א צווייטע פאָרשטעלונג פון דער מענדעלע פאָלקס בינע, איז אויפ־געפירט געוואָרן שבת אוונט, דעם 8טן נאָוועמבער (יאָר אומבאַקאַנט), אין דעם זעלבן אודיטאָריום פון דער פּראָגרעסיוו לייברערי. עס איז געשפּילט געוואָרן „מיטן שטראָם" פון שלום אש און „דעם שדכנס טאָכ־טער", א קאָמעדיע אין איין אַקט פון אברהם רייזען, רעזשיסירט פון ברוך לומעט און סופלירט פון חיים סאַקס.

מיט דער צייט איז די מענדעלע פאָלקס בינע שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אברהם האַכבאַן האָט צונויפגענומען די צופאַלענע קרעפטן צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען די י. ל. פּרץ דראַמאַטישע געזעלשאַפט און האָט אין 1922 אָרגאַניזירט די „אינסטיטוט דראַמאַ גילד".

די „פּרץ דראַמאַטישע געזעלשאַפט" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1915, באַלד נאָכן טויט פון י. ל. פּרץ. די גרינדער און אָנפירער זיינען געווען סאָציאַליסטיש געניגט, אָבער ניט קיין טיפּישע ראַדיקאַלן. דאָס

---

2) דער אַנסאַמבל פון דער מענדעלע גרופּע איז באַשטאַנען פון ה. שפּריצמאַן, לואי פּרוכט, פּ. האַלקין, י. טשערנאָוו, א. סאָבעל, אסתר מאַנאָוואַ, י. ראָזענבערג, א. שפּריצמאַן, ה. נאַסטאָר, א. האַכבאַן, פּ. גאַ־לאַנטער, ה. ראָטמאַן, פעני פאַוסט, שלום גלאַזמאַן, רחל גלאַזמאַן, מאַ־דאַם בעקאָוו, מאַלי האַלקין און מיס ד. האָרן.

איז צו זען פון א פּראָטאָקאָל פון דעם ערשטן האלבן יאָר פון איר עק־זיסטענץ, וואָס איז ביז איצטער אויפגעהיט געוואָרן.

די הויפּט ארבעט אירע איז אָנגעפירט געוואָרן פון א קאָמיטעט פון זיבן מיטגלידער, וועלכע זיינען דערוויילט געוואָרן ביים צווייטן אָרגאַני־זאציאָנס־מיטינג אין „היברו ליטעראַטור סאָסייטי”, יולי דעם פופצנטן, 1915. 3). די ליטעראַרישע קאָמיטע איז באַשטאַנען פון די מיטגלי־דער שפּריצמאַן, טשערנאָוו, מכתם, נעלסאָן, זובערמאַן, באַק, אַל. הע־ריס, און מ. גאָלדמאַן. אין די הענט פון דער דאָזיקער קאָמיטע איז איבערגעגעבן געוואָרן די ארבעט פון די ליטעראַרישע און דראַמאַטישע טעטיגקייטן. אינם פּראָטאָקאָל פון דער געזעלשאַפט, דאָנערשטיק, דעם 5טן אויגוסט, 1915, ווערט דערציילט, אז א „קאָמיטע פון דער סאָציא־ליסטישער פּאַרטיי האָט זיך געווענדט צו דער פּרץ דראַמאַטישער גע־זעלשאַפט נאָך קרעפטן, און עס ווערן באַוויליקט די מיטגלידער סאַקאָ־ניק, פּרוכט און פריילין בובער”.

אין דעם זעלבן פּראָטאָקאָל ווערט איבערגעגעבן א דעבאַטע איבער דער פראַגע צי דער פּרץ ליטעראַריש דראַמאַטישער פאַראיין זאָל שיקן דעלעגאַטן און זיך אָפיציעל אָנשליסן אין דער נאַציאָנאַל סאָציאַליס־טישער אַגיטאַציע קאָמיטע. נאָך א לענגערער באַראַטונג ווערט באַ־שלאָסן ניט אויפצונעמען קיינע פּאָליטישע פראַגן און ניט צו דעבאַטירן וועגן פּאָליטישע פּלאַטפאָרמען. מיט א מערהייט ווערט באַשלאָסן, אז די „י. ל. פּרץ ליטעראַריש־דראַמאַטישע געזעלשאַפט” זאָל ניט זיין פאַר־טראָטן אין דער נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישער אַגיטאַציאָנס קאָמיטע.

פון דעם אינהאַלט אין דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל איז צו זען, אז די דראַמאַטישע געזעלשאַפטן, וועלכע זענען געווען ראַדיקאַל געשטימט, האָבן זיך ניט געוואָלט מישן אין קיין פּאָליטישע אונטערנעמונגען, ווען אפילו ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן סאָציאַליזם. די מערסטע פון די דראַמאַטישע געזעלשאַפטן, האָבן זיך געהאַלטן שטרענג אין די ראַמען צו פאַרשפּרייטן די בעסערע דראַמע און די בעסערע ליטעראַטור צווישן די מאַסן. די בעאַמטע פון פּרץ דראַמאַטישן פאַראיין, וואָס זיינען דערוויילט געוואָרן דעם 15טן יולי, 1915, זיינען ווי פאָלגט: גאָלדמאַן,

3) זע: פּראָטאָקאָל 2, 1915, פּרץ דראַמאַטישע געזעלשאַפט.

פרעזידענט; קאפּלאַן, וויצע פּרעזידענט; מאַדאַם קאַפּלאַן, סעקרעטאַר; מאַדאַם נעלסאָן, קאַסירער און לעאָן סאָוויטש, דער ביבליאָטעקער פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי, אַלס אַ פּרעס אַגענט.

אין פּראָטאָקאָל נומער 3 ווערן אָנגעגעבן פאָלגענדע רעקאָמענדאַציעס, וואָס דער ליטעראַרישער קאָמיטעט האָט אַריינגעבראַכט: א) די אָרגאַניזאַציע דאַרף צושטעלן איר רעפּערטואַר צו דער ליטעראַרישער קאָמיטע; ב) יעדע פּיעסע מוז דורכגעלעזן ווערן פון דער ליטעראַרישער קאָמיטע איידער זי ווערט פאָרגעלעזן פאַר דעם אַלגעמיינעם מיטינג, כדי די קאָמיטע זאָל האָבן דאָס רעכט צו רעקאָמענדירן די פּיעסען; ג) די עקאָנאָמישע זייט פון דער אָרגאַניזאַציע זאָל באַשטיין פון צאָלן אַ וועכנטלעכן שטייער, ווי אויך באַצאָלן פאַרן לאָקאַל אין דער „היברו ליטעראַטור סאָסייטי" יעדן מאָל וואָס מ'וועט האָבן אַ מיטינג.

די ליטעראַרישע קאָמיטע אַרבעט אויס אַ פּראָגראַם וועגן דער טעטיגקייט פון דער אָרגאַניזאַציע פאַרן סעזאָן 1915-1916. ס'ווערט גוט געהייסן די ערשטע אונטערנעמונג פון סעזאָן דעם 15-טן סעפּטעמבער, 1915, מיט יואל ענטין אַלס רעזשיסאָר. עס ווערט אויך אָנגענומען די רעקאָמענדאַציע צו שטודירן עטלעכע איינאַקטערס: „דער פרילינג גייט" פון מאַרק אָרנשטיין, „געסט" פון פּשיבעשעווסקי, אויך אַ פאַסנדיקע קאָמעדיע.

די אַרבעט פון דער געזעלשאַפט ווערט איינגעטיילט אין איין געשעפטס מיטינג און איין עפנטלעך־ליטעראַרישן אָוונט, די איינגאַמע פון וועלכן זאָל גיין פאַר די מלחמה קרבנות.

עס שליסן זיך אָן דריי נייע מיטגלידער: ראָזאַליע סאָפּיאַן, עליס נאַרים און מילטאָן פּייערשטיין. 4)

די „גילד" וועלכע אברהם האָכבאַן האָט צונויפגעשטעלט פון דער „פרייע געזעלשאַפט" און פון דער „מענדעלע פאָלקס בינע", האָט זיך לכתחילה אַוועקגעשטעלט אויף דער געהעריקער הויך און געהאַט פאַר זיך גאָר גרויסע פּערספּעקטיוון.

די דראַמע גילד איז געווען מזלדיק גענוג צו קריגן די פולע מיטהילף פון אַרבעטער אינסטיטוט, סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אַרבייר־

4) איצטער באַקאַנט אַלס לעאָן האָפמאַן, פּובליסיטי דירעקטאָר פון מאָריס שוואַרץ'ס קונסט טעאַטער.

טער רינג. מיט זיי האָט אָפּט קאָאָפּערירט דער „ארבייטער רינג כאָר" אונטער דער דירעקציע פון מיכל געלבארט און א דאנק דער „זייטיקער הילף" וואָס האָט משפּיע געווען אויף דער דראמע גילד, האָט דער דאָזיקער צווייג פון דער יוגנטלעכער בינע געהאט א באדייטנדיקן דער־פאָלג א לאנגע צייט.

די הויפּט טוער און שפּילער פון „גילד" זיינען אלע געווען אינטע־ליגענט און ערנסט איבערגעגעבן דעם אידישן שוישפּיל, די טוער זיינען געווען: אברהם האָכבאן, עקזעקוטיוו דירעקטאָר; מערי מ. עפּשטיין, עקזעקוטיוו סעקרעטאר; מאָרים ליעוו, טרעזשורער; דיאנא שווארץ, פינאנץ סעקרעטאר; א. ט. האָכבאן, רעזשיסאָר; דזשעק סטאהל, דירעק־טאָר פון ליכט עפעקטן; דוד אָספּיץ, דירעקטאָר פון דעקאָראציעס; פיליפּ וויינשטיין, דירעקטאָר פון קאָסטיומען; נייטען לעאָן, פּאָרזיצער און א. סניידער, סעקרעטאר.

די דראמע גילד האָט זיך ניט באגרענעצט מיט שפּילן בלויז אין דעם אוידיטאָריום פון לייבאָר אינסטיטוט. פון צייט צו צייט פלעגט די טרופּע געלאדן ווערן אין אנדערע זאלן און אין קליינע שטעדטלעך ארום פילאדעלפיע.

זונטיק, דעם 29טן יאנוואר, 1928, שפּילט די דראמע גילד אין וויל־מינגטאָן, דעלאווער, אין ארבעטער רינג לייסעאום, 223 שיפּלי סטריט. עס ווערט געשפּילט „דער זייגער וואָס האָט געשלאָגן 13", א פאָלקס קאָמעדיע פון אברהם האָכבאן. דער צווייטער טייל פון פּראָגראם איז געווען א פאָרשטעלונג „געלט", א סאָציאלע דראמע פון מייקל גאָלד, איבערזעצט פון אברהם האָכבאן. 5).

5) פאָלגענדע פּערזאָנען נעמען אנטייל אין „דער זייגער וואָס האָט געשלאָגן 13": אָסקאר גאָרין, אלס נחום; מערי עפּשטיין, אלס מלכה, זיין ווייב; ליליען ליאָוו, אלס אברהמל, זייער בן יחיד; דייוויד גוירבערג, אלס לייבוש מיטן זייגערל; אנא סאָלאָמאָן, אלס יענטע (א שכנה מיט א מויל) און דייוו אָספּיץ, אלס סטעפאַן דער שבת גוי.

אין דער פאָרשעלונג „געלט" נעמען אנטייל: ליליען שווארץ, אלס אריינפירערין; מאָרים פאָגאטש, אלס משה, אן איסט־סיידער שוסטער; דייוויד גוירבער, אלס יאנקל; אברהם און מענדל, באָרדערס ביי משהן, געשפּילט פון סעמיועל לערנער און דזשייקאָב ניוסבאום; פיליפּ וויינ־שטיין, אלס חיים און באָריס לעוו, אלס א פּאָליסמאן.

זונטיק, דעם 9טן מערץ, 1930, שפּילט די דראַמע גילד אין „מוז האָל", אַטלאַנטיק סיטי, די קאָמעדיע „פּרנסה", פון חנא גאָטעספעלד. 6) אין ווינטער 1929, פירט אויף די גילד אין פילאַדעלפיער לייבאָר אינ־סטיטוט אַ נייע פּיעסע אין ענגליש „גאָדס אָוו לייטנינג" (די געטער פון בליצן), אַ דראַמע אין דריי אַקטן פון מאַקסוועל אַנדערסאָן און העראָלד איקערמאַן. 7) דעם 27טן אַפּריל, 1930, ווערט אויפגעפירט אין דעם אידישן צענטער, מאַרשאַל און פאָרטער סטס., פילאַדעלפיע, אַ קאָמעדיע „די נייע אַלמנה" פון חנא גאָטעספעלד, אונטער דער רעזשי פון אברהם האָכבאַן, מיט דער באַטייליקונג פון אַלע מיטגלידער פון דראַמע גילד. זונטיק, דעם 16טן דעצעמבער, 1928, ווערן געשפּילט אין אַטלאַנטיק סיטי אין „מוז האָל" פאָלגענדע איינאַקטערס: „הערקולעס", אַ קאָמעדיע פון נ. בעל; „דאָס אייביקע ליד" פון מאַרק אָרענשטיין; „זיין ערשטער קליענט" פון י. פּאַדרוזשניק. 8) אין דעם דאָזיקן פּראָגראַם ווערט אויך דערמאָנט אַז די טאַלאַנטפולע סאָפּראַנאָ זינגערין, ראָזאַליע סאָפּיאַן, האָט אַנטייל גענומען יענעם אָוונט אין אַ ריי קלאַסישע אַריעס און פאָלקס לידער.

---

6) אין גאָטעספעלדס קאָמעדיע "פּרנסה" נעמען אַנטייל: איידע טיער, מערי עפּשטיין, אַנאַ סאַלאָמאָן, ליליען שוואַרץ, סעמיועל לערמאַן, אַדאָלף ווישניעווסקי, סעמיועל סטיין, מאָריס לעוו, פיליפּ באַלנאָ, יודזשין טראַכט־מאַן, מאָריס פוגאַטש. עס איז אויך אויפגעטראָטן אין אַ ספּעציעלן פּראָגראַם פון קלאַסישע לידער די סאָפּראַנאָ זינגערין ראָזאַליע סאָפּיאַן און אַן אָרקעסטער, אָנגעפירט פון דירעגענט קאַזע.

7) אין „די געטער פון בליצן" שפּילן: נייטען סינדערבראַנד, לואי סעמל, ל. ס. לעווינטאַל, הערי דעלאַווער, דזשאָו טשיקאָ, עדוואַרד סטיין, הערי בוירג, ה. סקאָלניק, אַלפרעד סאָבעל, פרענק קאַלקער, דייוויד גויר־בערג, טעאָדאָר בוירג, וויליאַם אַראָנאָוו, מערי עפּשטיין, וויליאַם מאַגער־מאַן, מאָריס גאָלדשמידט, יוליוס ברוקס, אַ קופּער, הערי פישער, גער־טרוד ראָבערטס, אַלאַן ווייווער און באָב נעף.

8) אין די דריי אַקטערס וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין מוז האָל אין אַטלאַנטיק סיטי, האָבן אַנטייל גענומען מרס. אָרלאָווא, סאָניא בעל שם, ליזאַ פּראַדקין, דיאַנאַ שוואַרץ, לילי שוואַרץ, פיליפּ באַלנאָ, לואיס דאַיען, מאָריס לעוו, סעמיועל לערמאַן, סעם סטיין, הערי קופּערשטיין און חיים שיף.

MOOSE HALL

714 ATLANTIC AVE.
ATLANTIC CITY, N. J.

זונטאָג, דעם 16טען דעצעמבער, 1928, אום 8:30 אווענד

די ארבייטער רינג ברענטשעס פון אטלאַנטיק סיטי

פרעזענטירען די אידישע סטודיאָ פון דער

דראַמאַ גילד פון פילא. לייבאָר אינסטיטוט

— אין אַ גרויסער —

טעאַטער פאָרשטעלונג

באַשטעהענדיג פון די פאָלגענדע דריי
איין־אַקטערס:

I.

„הערקולעס"

אַ קאָמעדיע פון נ. [illegible]

II.

„דאָס אייביגע ליעד"

דראַמאַטישער עטיוד פון מארק ארנשטיין

III.

„זיין ערשטער קליענט"

אַ קאָמעדיע פון י. פּאָדרוזשניק

אלע דריי איין־אַקטערס רעזשיסירט און
אויפגעפיהרט פון אברהם האַכבאַן.

מיט דער מיטווירקונג פון די פאָלגענדע
מיטגלידער:

מרס. אָרלאָווא	לואיס דאיאן
סאָניא בעל־שם	מאָריס לעוו
ליזא פראדקין	סעמועל לערמאן
דיאנא שהארין	סעם סטיין
לילי שהארין	הערי קופערשטיין
פיליפ באלנאַ	היים שיף

—o—

ווי אויך די בארימטע סאָפּראַנאָ

ראזאליא סאפיאן

אין אַ פּראָגראַם פון קלאַסישע אריעס
און פאָלקס לידער.

"DRAMA GUILD" GROUPE

אין מאַרטש דעם 22טן, 1931, גע׳פינען מיר די דראַמע גילד שפּילנדיק אין רעדינג, פּאַ., אין פאַלקאָנס האָל. יענעם אָוונט ווערט געשפּילט „פּרנסה" פון גאָטעספעלד, מיטן זעלבן אַנסאַמבל, אונטער דער רעזשי פון א. האָכבאַן. דעם 12טן יוני, 1932, ווערט געשפּילט אין פילאַדעלפיער לייבאָר אינסטיטוט, „משיח", א סאַטירע פון משה נאַדיר; „געלט", א סאָציאַלע דראַמע פון מייקל גאָלד און „שלאָפלאָזע נאַכט", אַן עטיוד פון ש. דייקסעל.

פון דעם לאַנגן צעטל פּראָגראַמען איז צו זען, אַז די דראַמע גילד האָט ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו פאַרשפּרייטן די בעסערע אי־דישע דראַמע צווישן די אידישע מאַסן. די מעמבערס פון דראַמע גילד א חוץ זייער ראַדיקאַלע אַנשויאונגען, האָבן זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט אויפצוטרעטן אין אידישן צענטער, אין תלמוד תורה, אין שול שומרי חברית און ענלעכע אָרטאָדאָקסישע אינסטיטוציעס. די דראַמע גילד האָט זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט פון א געלט־באַלוינונג. יעדעס מאָל, ווען די געזעלשאַפט פלעגט שפּילן אין דער פּראָווינץ אָדער אין א פאַרוואָרפן ווינקל אין שטאָט, פלעגן די מיטגלידער קריגן באַצאָלט פאַר זייער שפּילן.

אינם לויף פון דער צייט זיינען צוגעקומען נייע קרעפטן אין דער דראַמע גילד. די „יאָנג פּיפּלס סאָשעליסט ליג" (יפּסל), א יוגנטלעכער צווייג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דער פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליזם דורך דער בינע. האָבן זיך צווישן די מיטגלידער פון דער דראַמע גילד געפונען א צאָל יונגעלייט, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן פייאיגקייט צו שפּילן אין ענגליש און דער דירעקטאָר האָכבאַן האָט זיי צו דעם צוגעגרייט. די דראַמע גילד וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען אַריינצוברענגען די בעסערע אידישע דראַמע צווישן די אַר־בעטער מאַסן, האָט אָנגעהויבן „אונטערצוזינדיקן" דורך אויפפירן פּיעסן אין ענגליש. איינע פון די וויכטיקסטע ענגלישע פּיעסן איז געווען „רעד ראָסט" (רויטער זשאַווער), א סאָוועטישע פּיעסע, פון וו. קריכאַן און א. אוספּענסקי, אין 1926.

„רעד ראָסט" שטעלט פאָר די אומצופרידנקייט פון דעם יונגערן דור און סטודענטנשאַפט אין סאָוועטן פאַרבאַנד מיט דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, דער „נעפּ". „רעד ראָסט" איז א שטיק פּראָפּאַגאַנדע אָפּצוּא־

ווענדן דאָס פּאָלק פון בענקעניש נאָך די לעבנס מעטאָדן אונטער דער בורזשואזנער רוסישער רעגירונג.

די פּיעסע דריקט אויס דעם פּראָטעסט קעגן דער איינפירונג פון דעם „נעפּ״, טענה׳נדיק אז דער קאָמוניזם דארף זיין כולו תכלית; אז דער נעפּ איז א סאָרט „שעטנז״, וואָס קען מיט דער צייט איבערפירן דעם קאָמוניסטישן אידעאל און אונטערברענגען די נייע אָרדנונג; אז דער „נעפּ״ איז דער זשאווער, וואָס איז אָנגעוואָקסן אויף דעם קערפּער פון קאָמוניזם און טאָר ניט געדולדעט ווערן.

די דאָזיקע פּיעסע איז איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש פון ווירדזשיניע און פרענק ווערנאן, און איז צוערשט אויפגעפירט געוואָרן אין נויארק פון דער „טעאטער גילד סטודיאָ״. די קריטיקער פון די ענגלישע צייטונגען זיינען דאמאָלט ארויסגעקומען מיט א געוואלד, אז „רעד ראָסט״ איז א שטיק קאָמוניסטישע פּראפּאגאנדע און דארף פארבאָטן ווערען דאָ אין לאנד.

אברהם האָכבאן, וועלכער האָט צוערשט געזען שפּילן די פּיעסע אין נויאָרק, האָט אָבער פארשטאנען, אז עפּעס איז ניט גלאט מיט דער איבערזעצונג פון „רעד ראָסט״. האָט ער זיך אוועקגעזעצט און דורכגעשטודירט דעם אָריגינאל און אליין געמאכט אן ענגלישע איבערזעצונג. האָכבאנס איבערזעצונג איז געווען די נאָענטסטע צום אָריגינאל. ער האָט דאמאָלט באשלאָסן אויפצופירן „רעד ראָסט״ אין זיין אייגענער איבערזעצונג אין פילאדעלפיער לייבאָר אינסטיטוט. שבת אוונט, דעם 17טן אָקטאָבער, 1930, ווערט אויפגעפירט „רויטער זשאַווער״ אין ענגליש, אין גרויסן זאַל פון אינסטיטוט. דער אוונט ווערט דערעפנט מיט דעם אינסטיטוט כאָר, וועלכער זינגט דעם אינטערנאציאָנאל.

די האנדלונג קומט פאָר אין מאָסקווע. די ערשטע סצענע פון ערשטן אקט שטעלט פאָר א צימער אין סטודענטן הויז. די צווייטע סצענע ווערט געשפּילט אין גימנאזיע־אָדיטאָריום. די דריטע סצענע אין טערעכינס צימער אין סטודענטן הויז. (טערעכין איז דער אָנפירער פון דעם פּראָטעסט קעגן נעפּ). אין דער צווייטער סצענע פון צווייטן אַקט, ווערט דורכגעפירט אַ מאַרש פון סטודענטן, זינגנדיק אן ארבעטער ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער ווערסיע : „שריט נאָך שריט, דער לענגסטער מארש קען ווערן געוואונען, קען ווערן גע־

וואונען״. 9) עס קומט אויך פאָר אַ פּאַראַד אויפן רויטן סקווער אין מאָסקווע אָנגעפירט פון סטודענטן. 10). די פילאַדעלפיער אידישע און ענגלישע צייטונגען האָבן זיך זייער גינסטיק אָפּגערופן אויף דעם אַרט שפּילן פון דער דראַמע גילד און האָבן אויך געלויבט עטלעכע פון דעם פּערסאָנאַל.

נאָכן טוידט פון אברהם האָכבאַן, איז אריינגעטראָטן א פּולשטענ־דיקער שטילשטאַנד. עס האָט זיך ניט געפונען קיין אנדערער צווישן די מיטגלידער וואָס זאָל קענען פארנעמען זיין אָרט. א גאַנץ יאָר איז די „דראַמע גילד״ געווען אומטעטיק, און ערשט אין אויגוסט, 1937, ווען זי האָט אויך משנה השם געווען און שוין געהייסן „אידישע דראַמע גילד״, האָט זי זיך ריאָרגאַניזירט און געוואָרן טעטיק אין אויפפירן פּיעסן דורכאויס אין אידיש.

איר היים האָט זי געמאַכט אין דער יאָנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן, און מענטשן וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט דעם גייסט פון דער דאָ־זיקער גרויסער אסאָסיאיישאָן, האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט וואָס זי

---

9) אין דעם מאַרש נעמען אַנטייל פאָלגענדע מיטגלידער פון דער יאָנג סאָשעליסט ליג : הערי אריצקי; מאַרטא בעקער; רוט בע־קער; נייטען בראַדסקי; היימאַן כאַנין; מרים פינקלשטיין; יוסף גאָרע־ליק; נייטען גרינבערג; איזידאָר קראַווינסקי; רעבעקא לאַנקסטאַון; סיל־וויע ניעגין; לואיס סילווערשטיין; מרים סמיט און פּאול ווייס.

10) דאָס פּערסאָנאַל פון „רעד ראָסט" איז באַשטאַנען פון מאָריס פּוגאַטש, אלס בעזבאַראַדאָוו; טשאַרלס קאַזלאָוו—לוטיקאָוו; הערמאַן שקאָלניק—אַנדרעי; פּאול קאָהן—פּעטראָסיאָן; וויליאַם מאַגערמאַן—אַלס פּימפּלס; מאָריס ליעוו—בעסעדא; וויליאַם אַראַנאָוו—אין דער הויזט ראָל אַלס טערעכין; טעד בוירק—פּיאַטר; הערי בוירג—אַלס אויפזעער; דייוויד בערגער—וואַסילי; עלסי לעווענטאַל—אין דער הויפּט ראָל אַלס נינאַ; לילי שוואַרץ—פּאַניאַ; איידע טיער—וואַרוואַראַ; הערי בוירג—לענאָוו; סאָניא בעל שם—ליזאַ; הערבערט ראָוז—פּיאָדאָר; מערי עפּשטיין—אָלגאַ; חנה שוואַרץ און ראָוז שולמאַן—צוויי אַלטע פרויען; גערטרוד ראָבערטס—אַלס נינאַ; אברהם האָכבאַן—אַלס לו־קיטש; אַלפרעד סאָבעל—ניקאָלאַי; טשאַרלס קופּערשטיין—זאַוויאַלאַ און מאָריס פּוגאַטש אַלס סעקרעטאַר.

האַט ארונטערגענומען אונטער אירע פליגלען אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זוכט אַריינצוברענגען דאָס אידישע וואָרט אינם אידישן לעבן.

שוין דער ענגלישער נאָמען „יאָנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן", ווייזט געננוי אָן די אידעאָלאָגיע פון די יאהודים מיט בערך 75 יאָר צוריק. די „אסאָסיאיישאָן", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך רעליגיעזע אידן פון פּאָרטוגאַל האָבן הויפּטזעכלעך אינזינען געהאַט די רעליגיעזע און סאָציאַלע דערציאונג פון אימיגראַנט.

די אידישע יוגנט, וועלכע האָט באזוכט די אמעריקאנער שולן און געקומען אין נאָענטער בארירונג מיט דער דאָמינירנדיקער באפעלקערונג אין לאנד, האָבן נאטירלעכערווייז אין זיך איינגעזאַפּט דאָס אלגעמיינע געזעלשאפטלעכע לעבן פון לאנד. צוזאַמען מיט דער מאַיאָריטעט קריסטלעכע חברים פון דער דאָזיקער יוגנט, האָט די אידישע יוגנט באזוכט די יאָנג מענס קריסטשען אסאָסיאיישאָן. די אידישע עלטערן האָבן איינגעזען א געפאַר אין דער חברשאפט פון זייערע קינדער מיט קריסטלעכע חברים, און האָבן באשלאָסן צו גרינדן א אידישע געזעלשאפט מיט דעם זעלבן נאָמען נאָר אויף אידישע יסודות, וואו זייערע קינדער זאָלן קענען פארברענגען די אוונטן אין א אידישער סביבה.

עס איז א גרויסער טעות צו דענקען, אז אידן אין אמעריקע האָבן בלויז באצוועקט נאָכצוטאָן די קריסטן מיט דער גרינדונג פון דער יאָנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן, די היברו סאָנדעי סקול סאָסייטי און ענלעכע געזעלשאפטן. פארקערט, דער גרונט געדאנק פון די אָרגאניזאַציעס מיט די ענלעכע קריסטלעכע נעמען איז געווען כדי אָפּצואוועגדן די אידישע יוגנט פון התבוללות מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג און צו האלטן דעם אידישן שטאם אין די ראַמען פון טהרת המשפחה. דאָס איז געווען דער גרונט פּרינציפּ פון אזעלכע פערזענלעכקייטן ווי די באוואוסטע אידישע דיכטערין רעבעקא גראַטץ, וועלכע האָט אין 1838

געגרינדעט די היברו סאָנדעי סקול סאָסייטי, און דעם געלערנטן ראַבי־נער רבי יצחק לעסער, וועלכער האָט פּראָפּאַגאַנדירט די גרינדונג פון אַזעלכע סאָרטן אידישע אינסטיטוציעס, כדי אָפּצואוועגדן די אידישע יוגנט פון געמישטער הייראַט און פון דער קריסטלעכער רעליגיע.

די יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָן, וועלכע האָט געהאַט איר הויפּט קוואַרטיר אין 1616 טאָמפּסאָן סטריט, אַן ענגע הויז מיט ווייניק באַ־קוועמלעכקייטן, האָט אין יאָר 1923 אויפגעבויט א ריזיגע געביידע אויף בראָד און פּיין סטריטס, מיט א גרויסן זאַל „די עדווין פליישער אוידיטאָריום", וואו עס געפינען זיך בערך 1500 זיץ־פּלעצער. אין דער דאָזיקער געביידע געפינען זיך אויך פאַרשידענע אַנדערע פּאַרוויי־לונגס צימערן און א „דזשימנייזיום" פאַר ספּאָרטס פאַר דער אידישער יוגנט.

דער פאַרנעם פון דער דאָזיקער געביידע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין צו גרויס פאַר די מיטגלידער פון דייטש־אידישן אָפּשטאַם, און די פירער פון דער „וואַי" האָבן באַשלאָסן איינצולאַדן די גרויסע אידישע באַפעלקערונג וואָס שטאַמט פון די אימיגראַנטן פון מזרח אייראָפּע, אָנצופירן דאָרטן זייערע געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייטן.

די דאָזיקע פאַקטן זיינען א שטיק געשיכטע פון דעם אידישן לעבן ניט נאָר אין פילאַדעלפיע, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט. דאָס גיט א באַגריף ווי אַזוי עס האָבן זיך דערנענטערט די פאַרשידענע אידישע גרופּעס, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין אַמעריקע פון פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּא.

די אָנפירער פון די יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָן האָבן א סך מאָל געמאַכט א פאַרזוך איבערצונעמען צו זיך דאָס „אידישע קונסט ווינקל", די דראַמאַטישע קונסט געזעלשאַפט פון דער היברו ליטעראַ־טור סאָסייטי, אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען. די פירער פון דער „וואַי" האָבן אפילו אויך פּרובירט איבערצונעמען די ביבליאָטעק פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי, און האָבן א צייט לאַנג אָנגעפירט

פארהאנדלונגען מיט די פארטרעטער, אָבער דאָס האָט זיך די פירער פון דער „וואַי" ניט איינגעגעבן.

האָט זיך געמאכט א גינסטיקע געלעגענהייט אריינצוקריגן צו זיך א אידיש־דראַמאַטישע געזעלשאפט, האָט מען עס גערן געטאָן. אזוי גיך ווי די „אידישע דראמע גילד" האָט זיך געווענדט צום דירעקטאָר נאָך אן אָרט וואו צו מאכן א היים, האָט ער פאר זיי ברייט פאַנאַדער־געעפנט טיר און טויער און זיי געהייסן זיך מאכן באקוועם ווי ביי זיך אין שטוב. 9)

9) די דאָזיקע זיינען די מיטגלידער פונם „גילד": נאָרמאן מאראָוו, רעזשיסאָר פון דער געוועזענער „ארבעטער בינע"; דזש. ס. קעטצאָוו, געשעפטס־פירער; דר. ריטשארד פריידעס, דזשעק האָכבאן, פיליפ ווײַנשטיין, מאָריס פוגאטש, צירל גערשונזאָן, סעם סילווערמאַן, מרס. סילווערמאן, דזשעק נוסבאום, ראָזע לעגינסקי, אסתר סניידער, פייגל קאַץ, באָריס צימרינג און קלארא באקאָוו.

פינפטער קאפיטל

די נאציאָנאלע באַוועגונג און די העברעאישע שפראַך. — דער איסור מדברן אויף טעאַטער און צירקוסן. — אברהם גאָלדפאַדען, באַשאַפער פון דער העברעאישער בינע. — מיין באַזוך ביי אברהם גאָלד־פאַדען אין נויאָרק דעם 5טן יוני, 1905. — זיין מיינונג וועגן העברעאיש טעאַטער אין אַמעריקע. — די אויפ־פירונג פון „דוד במלחמה" אין 1906. — מיין באַזוך ביי יעקב גאָרדין. — ער האָט דאַן געשריבן „אלישע בן אבויה". — גאָרדינ'ס מיינונג וועגן גאָלדפאַדעניען און זיינע שאַפונגען. — דער „תיאטר עברי ילדותי" אין נויאָרק. — די „הבימה העברית" אין פילאַדעל־פיע. — די העברעאישע פיעסן וואָס זענען געשפילט געוואָרן אין אַמעריקע. — דעם אָנקום פון דער „הבימה" אין אַמעריקע.

מיט דעם אויפקום פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט, האָט די העברעאישע שפּראַך אָנגעהויבן זיך איינבירגערן צווישן אַ גרויסער צאָל אינטעליגענטע נאַציאָנאַל־געזאָ־נענע אידן. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין דעם ערשטן צענדליק פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ברענגט אַרויס אַ טיפּ יונגע פּיאָנערן פון דעם מאָדערנעם העברעאיזם אין אַמעריקע. זיי זיינען געווען קינ־דער פון אָרטאָדאָקסיש־באַלעבאַטישע עלטערן פון רוסלאַנד און פון די אַרומיקע מזרח אײראָפּייאישע לענדער. די דאָזיקע יוגנט האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין ישיבות און בתי מדרשים אויפן תנ"ך, תלמוד און ספרי השכלה.

קומענדיק קיין אַמעריקע האָבן די דאָזיקע קינדער געלערנט העב־רעאיש און געלייענט די אַלטע און נייע העברעאישע ליטעראַטור אין דער ביבליאָטעק פון דער היברו ליטעראַטור סאָסייטי, אָדער ביי זיך אין דער היים אין דער געזעלשאַפט פון פריינט. פון טעאַטער האָבן די יונגע מענטשן אין דער אַלטער היים ווייניק געוואוסט. האָט דאָך

בפירוש דער תלמוד פאַרבאָטן די אידן צו גיין אין טעאַטער און אין די צירקן. אונזערע חכמים האָבן באַטראַכט טעאַטער פאַר אַ סאָרט מושב לצים. (1) אַ גאַנצע ליטעראַטור מיט אסורים אויף טעאַטער איז געשאַפן געוואָרן ביי אידן אין פאַרלויף פון דורות, אָנהויבענדיק פון צווייטן חורבן ביז דער צייט פו אונזערע זיידעס און טאַטעס אין דער ערשטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט.

„קרקסאות" און טרטיאות" (צירקוסן און טעאַטערס) זייַנען גע־וועןן פאַרבאָטן מדרבנן. גיין אין טעאַטער האָט געהייסן גלייך ווי מען דינט צו דער עבודה זרה, אָדער ווי מען איז מקטיר קטורת צו אָפּגע־טער. דאָס זייַנען אָבער ניט געווען די איינציקע טעמים, אין אָרטאָ־דאָקסישן אידן איז געווען פאַרבאָטן דאָס טעאַטער צוליב מושב לצים. און מושב לצים איז דאָך בפירוש אסור, לויט דעם פּסוק „ובמושב לצים לא ישב" (תהלים א', ירושלמי עבודה זרה פרק א').

דער איסור אויף טעאַטער האָט אין זיך אריינגענומען דאָס בייוואוי־נען פון אלימפּישע שפּילן, אין אַלטער ספּאָרט, וואָס איז געווען אזוי פּאָרשפּרייט צווישן די פעלקער, וואָס האָבן געוואוינט אַרום די ברע־געס פון ים התיכון (מיטללענדישן ים) אין שכנות פון ארץ ישראל. עס איז אויך געווען פאַרבאָטן צו גיין אין די אמפּי־טעאַטערס און אין די סטאַדיומס פון די רוימער, צוקוקנדיק ווי די מלחמה געפאַנגענע קעמפן מיט ווילדע חיות און גלאַדיאַטאָרס. (2)

איז אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונג און דעם אור־שפּרונג פון דער העברעאישער בינע און פון העברעאישע טעאַטער־געזעלשאַפטן אין אונזער צייט, ווי זיי באַווייזן זיך פאַר אונז אין זייערע קינדער יאָרן.

דער יסוד פון דער מאָדערנער העברעאישער בינע בכלל דאַרף צו־געשריבן ווערן צו דעם באַשאַפער פון דער אידישער בינע — אברהם

---

1) זע עבודה זרה, דף י"ח עמוד ב'.

2) זע „טעקסטן און קוועלן צו דער געשיכטע פון טעאַטער און דראַמע" פון ש. ערנסט. אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון אידישן טע־אַטער און דראַמע", ווילנע — ניו־יאָרק, 1930, רעדאַקטירט פון דר. יעקב שאַצקי.

גאָלדפאדען. ווי עס ווייזט אויס איז דער דאָזיקער מענטש אָנגעצייכנט געוואָרן פון דער השגחה אויפצומאַכן פאר די אידן די טיר פון דעם טעמפּל פון דראמע אין ביידע שפּראכן אין וועלכע דאָס אידישע פאָלק דענקט און רעדט — אין אידיש און אין העברעאיש. גאָלדפאדען אַליין האָט געקענט העברעאיש. ער איז געווען א תלמיד פון דעם העב־רעאישן משורר אברהם בער גאָטלאָבער, דער דאָזיקער העברעאישער דיכטער האָט אויף דעם יונגן גאָלדפאדען משפיע געווען און אים גע־לערנט שרייבן העברעאישע שירים און מאמרים. אין דער ראבינער שול אין זשיטאָמיר, האָט גאָלדפאדען זיך אָנגעזאפּט מיט דער וועלט־לי־טעראטור און זיך פארוואָרצלט אין דער השכלה אטמאָספערע, וואָס איז אים פארבליבן פון דער שול.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט גאָלדפאדען פארבראכט אין נויאָרק. צוזאמען מיט זיין פרוי פּאָלינע איז ער דאָס לעצטע מאָל געקומען קיין אמעריקע אין 1903. אין יענער צייט איז דאָס אידישע טעאטער דאָ אין לאנד שוין געווען עטאבלירט אויף אַ פעסטן יסוד. די אידן פון נויאָרק האָבן אים געגעבן אַ שיינעם קבלת פנים. די מע־נעדזשערס פון גרענד טעאטער און פּיפּלס טעאטער, ווי אויך זיגמונד פיינמאן פון טאַליע טעאטער, צוזאמען מיט דער אקטיאָרן יוניאָן און חשובע כלל־טוער, האָבן אַראַנזשירט פאר גאָלדפאדענען אַ גרויסע טעסטימאָניעל פאָרשטעלונג אין גרענד טעאטער, מיטוואָך מאטינע, דעם 2טן דעצעמבער, 1903. (3)

אין יוני 1905, האָב איך באזוכט אברהם גאָלדפאדען אין זיין היים אין ניו יאָרק. ס'איז געווען אַ זוניקער, וואַרעמער בייטאָג, אין אָנהויב חודש יוני. קומענדיק צום הויז, וואו ער האָט געוואוינט, בין איך אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ פון „סטופּ" אין הויז נומער 218 איסט 11טע גאַס. איך האָב אָנגעקלאַפּט און אַן עלטערע פרוי האָט מיר אויפגעמאכט די טיר און געבעטן אריינקומען, דאָס איז געווען מאדאם פּאולינע גאָלדפאדען.

אין אַ גרויסן פּאָדער־צימער, וואָס איז געווען באשיידן אויסגע־

---

3) פון אַ פּלאַקאַט געדרוקט אין „גאָלדפאַדן בוך, יאַנואַר 1926, ניו יאָרק.

מיעבלירט איז אינמיטן געשטאַנען אַ רונדער טיש מיט בענקלעך אַרום. לעבן פענסטער ביי דער וואַנט, איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ און ביי דער זייט — אַ קליידער שאַפע. גאָלדפאַדען איז אַריינגעקומען פון אַ נעבן צימער אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן „פּרינץ אַלבערט" און מיך העפלעך באַגריסט. דער אַלטער דיכטער האָט פאַרשטאַנען מיין באַגער מיט אים צו רעדן. און ער האָט באַלד מיט מיר פאַרפירט אַ געשפּרעך. ס'האָט ניט גענומען לאַנג און מאַדאַם גאָלדפאַדען האָט אַריינגעבראַכט צום טיש כּיבוד: צוויי גלעזער טיי מיט צובייס און אויך אַ שיסעלע פּרוכט מיט פיגאַטס.

אויף מיין פראַגע ווי עס לעבט זיך אים דאָ אין נויאָרק, האָט מיר גאָלדפאַדען געענטפערט: „פון אַלע אילוזיעס וואָס דאָס לעבן האָט מיר געבראַכט און אַלע שיינע חלומות וואָס זיינען צערונען געוואָרן, איז דאָס איצטיקע לעבן מיינס אין נויאָרק, מיין גרעסטע אַנטוישונג. מיך אַרט ניט וואָס מיינע קאָלעגן דראַמאַטורגן ווילן ניט אָנערקענען מיין טאַלאַנט. אפשר בין איך פאַר זיי צו אַלט־מאָדיש, צו אידיש, ניט ראַדיקאַל גענוג, אָבער אַזוי זיך דערווייטערן פון מיר אויף דער עלטער, האָב איך זיך ניט גערעכנט."

איך האָב געפילט דעם ווייטיק פון דעם אַלטן משורר און האָב פאַרקירעוועט דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער וועג. מיר האָבן גערעדט פון זיין שאַפנדער עפּאָכע אין די מיטעלע יאָרן פון זיין לעבן, איך בין געווען באַקאַנט מיט דעם אינהאַלט פון זיינע מעלאָדראַמעס, איך האָב געוואוסט דעם אינהאַלט פון זיינע היסטאָרישע אָפּערעטעס, אָבער איין זאַך איז מיר ניט געווען קלאָר: — וואו האָט ער גענומען די מו־זיק צו זיינע אידישע לידער און אָפּערעטעס; ווי אַזוי האָט ער די מוזיק פאַראידישט. איך וויז אים אָן, למשל, אויף דעם מאָטיוו פון זיין ליד אין שולמית — „שבת, יום־טוב און ראש חודש", וואָס איז זייער ענ־לעך צו דעם מאָטיוו פון אַ פאָלקס ליד אין דייטש, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט אין דער געזעלשאַפט פון אַ דייטשישן מענער כאָר. דאָס דייטשישע ליד הייסט: „איך ווייס איין הערץ פיר דאס איך בעטע, אונד דאָס הערץ עס איזט מיר ליב". דער מאָטיוו פון דעם דאָזיקן דייטשישן ליד איז זייער ענלעך צו גאָלדפאַדענס מאָטיוו פון דעם ליד „שבת, יום־

טוב און ראש חודש". איך פרעג ביי אים אויב אים איז באַקאַנט דאָס דאַזיקע דייטשישע ליד, זאָגט צו מיר גאָלדפאַדען:

„דעם מענטשנס אויער איז ווי דער יונגער מוח פון אַ קליין קינד, עס כאַפּט אויף זאַכן און מיט דער צייט ברענגט ער ארויס די זאַכן מכוח אל הפועל. איך האָב זיך אָנגעהערט אין מיין לעבן מיט אַזוי פיל אידישער נגינה פון חזנים, מיט פאָלקס לידער, מיט אַפּערעס אין פאַרשידענע שפּראַכן — נו, ווי קלעפּט זיך עפּעס ניט צו צו אַ מענטשן?" און גאָלדפאַדען איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, און האָט פאַר מיר געשפּילט ניגונים פון זיינע אייגענע אָפּערעטעס. נאָכן שפּילן איז ער צוגעגאַנגען צו אַ גרויסן אַלמער מיט ספרים און ביכער, פון דאָרטן ארויסגענומען אַ קליין אָבער נעט־געבונדן ביכעלע און עס מיר דער־לאַנגט. דאָס איז געווען זיין ביכל העברעאישע לידער „ציצים ופרחים", וואָס ער האָט געשריבן נאָך אין זיין פריסטער יוגנט. זיין אויטאָגראַפישע אויפשריפט צו מיר געווידמעט, וועט דער לייענער געפינען אין דעם דאַזיקן ווערק.

איך פאַרפיר מיט אים אַן אינטימען געשפּרעך וועגן דער צוקונפט פון העברעאיש אין אמעריקע ווי אויך וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ העברעאיש טעאַטער דאָ אין לאַנד, און גאָלדפאַדען זאָגט מיר מיט זיכערקייט און פעסטן גלויבן, אז ער זעט יאָ אַזאַ מעגלעכקייט. ער דערציילט מיר טאַקע אין זעלבן אָטעם, אז ער האָט אליין בדעה איני־גיכן אָנצושרייבן אַ העברעאישע פּיעסע און דאָ איר אויפצופירן.

אין ניו יאָרק האָבן זיך דאַמאָלט שוין געפינען אַ היפּשע צאָל יונ־געלייט צעוואָרפן אין די פילע ציוניסטישע פאַריינען, וואָס האָבן גערעדט פליסנדיק העברעאיש און פון אָט די דאַזיקע יונגעלייט האָט עס גאָלדפאַדען בדעה געהאַט צוזאַמענצושטעלן זיין ערשטע העברע־אישע טרופּע אין לאַנד.

בלויז מיט איין יאָר שפּעטער, אין 1906, האָט ער טאַקע אָנגע־שריבן אַ העברעאישן איינאַקטער, „דוד במלחמה", וואָס איז אונטער

זיין אייגענער רעזשי אויפגעפירט געוואָרן דורך די חברים פון דר. הרצל ציון קלוב אין ניו יאָרק. (4)

דער דאָזיקער פאַרזוך זיינער צו באַשאַפן דאָ אין לאַנד אַ העבּ־רעאישע בינע, איז דער סאַמער ערשטער אין דער געשיכטע פונם היגן אידישן לעבן. דער זעלבער איינאַקטער, „דוד במלחמה", ווי אויך אַנדערע העברעאישע איינאַקטערס, אָרגינעלע און איבערזעצ־טע, זיינען אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָפּט אויפגעפירט געוואָרן אין ניו יאָרק אונטער דער רעזשי פון לעאָן בלאַנק ע"ה, וועלכער איז געווען אַ יודע ספר און אַ חובב השפה העברית.

אוועקגייענדיק פון גאָלדפאַדענס הויז, האָט זיך מיר שוין אויך פאַרוואָלט זען און ריידן מיטן צווייטן שאַפער פון אידיש טעאַטער דאָ אין לאַנד, מיט יעקב גאָרדין, און טאַקע אין זעלבן גאַנג דערגיין צו זיין השקפה, בליק און אויפפאַסונג בנוגע אידישע קולטור, אידישע אידייען, אידישע האָפענונגען, ווי בכלל אידישע פּראָבלעמען און לייזונגען.

גאָרדינס וואוינונג האָט אין פאַרגלייך מיט גאָלדפאַדענס אויס־געוועזן ווי אַ קעניגליכער פּאַלאַץ קעגן אַן איינגעהויקערט קעלער שטיבל פון אַן אָרימען אַרבעטער. גאָרדין פלעגט אויפנעמען זיינע געסט אין אַ גרויסן, רייך מעבלירטן לעזע־זאַל, וועמענס ווענט זיינען גע־ווען פאַרשטעלט מיט גרויסע שאַפעס ביכער. אינמיטן איז געשטאַ־נען אַ לאַנגער טיש מיט בענקלעך אַרום, און אין אַ ווינקל האָט זיך געפינען אַ פּעדעסטאַל אויף וועלכן עס איז געשטאַנען גדלות'דיק דער ביוסט פון אים אַליין, אויסגעקנאַטן פון סקולפּטור בוטענסקי'ס אַר־טיסטישער האַנט. אויך אַנדערע סטאַטועס זיינען געווען אויסגע־שטעלט אין די חדר־ווינקעלעך, אָבער קיינע פון זיי האָבן זיך אַזוי רחבות'דיק ניט אָנגעזען.

גאָרדין האָט מיך אויפגענומען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן שלאַפראָק, דאָס האָרץ צעכראַסטעט, ווי ער וואָלט געווען שטאַרק צעטראָגן. עס האָט ניט געדויערט לאַנג, און מיר זיינען געווען פאַרטיפט אין אַ גע־

---

4) זע: דר. יהושע בלאָך „גאָלדפאַדענס העברעאישע דראַמע", אַר־כיוו פאַר דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער, 1930, רעדאַקטירט פון דר. יעקב שאַצקי.

אברהם גאָלדפאדען

ABRAHAM GOLDFADEN
Playwright and Founder of the Yiddish and Hebrew Stage.

„פון אלע אילוזיעס וואָס דאָס לעבן האָט מיר געבראכט און פון אלע שיינע חלומות וואָס זענען צערונען געוואָרן, איז דאָס איצטיקע לעבן מיינס אין נויאָרק מיין גרעסטע אנטוישונג. מיך אַרט ניט וואָס מיינע קאָלעגן, דראמאטורגן, ווילן ניט אנערקענען מיין טאלאנט. אפשר בין איך פאר זיי צו אלטמאָדיש, צו אידיש, ניט ראדיקאל גענוג, אָבער אזוי זיך דערוואטערן פון מיר אויף דער עלטער, האָב איך זיך ניט געריכט".

אָט די ערקלערונג האָט געמאכט אברהם גאָלדפאדען צו דוד בער טירקעל דעם 4־טן יוני, 1905, ווען ער האָט באזוכט דעם אלטן דיכטער אין זיין היים.

שפּרעך וועגן זיינע לעצטע שאַפונגען. גאָרדין דערציילט מיר, אַז פּונקט איצט האַלט ער אין שרייבן אַ נייע פּיעסע, „אלישע בן אבויה", אַ היסטאָרישער כאַראַקטער און אימפּאָזאַנטע פיגור וואָס איז נאָך קיינמאָל פריער ניט באַרירט געוואָרן פון קיין דראַמאַטורג.

ער רעדט וועגן זיין נייער שאַפונג מיט גרויס ענטוזיאַזם; דאָס איז זאָגט ער, אַן אינטערעסאַנטע טעמע וואָס פאַרמאָגט אַ גאָר ברייטן פאַרנעם. דער גרויסער תנא, אלישע בן אבויה, האָט שוין דאַמאָלט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער וועלטלאַכער, העלעניסטישער קולטור און האָט קיין מורא ניט געהאַט אין איר זיך פאַרטיפן מיט זיין גאַנץ שאַרפן מח.

פאַר גאָרדינען איז די דאָזיקע טעמע געווען אַ גרויס געווינס. ער האָט מיט דער דאָזיקער פּיעסע זיינער געוואָלט באַווייזן, אַז נאָך אין דער צייט פון די תנאים איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף פאַר וועלטלעכקייט און אַז שוין דאַמאָלט האָבן זיך געפינען געציילטע יחידים וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רייכקייט פון פרעמדע קולטורן און געהאַט אַן אייגענעם, פרייען קוק אויפן לעבן און זיין רעאַליזם.

גאָרדין האָט, קאָנטיק, געקוקט אויף אידישקייט ווי אויף אַן אבנאָרמאַלער דערשיינונג, און געזוכט צו דעם זיינעם א תיקון. דאָס איז אודאי אויך געווען זיין שטענדיקע שיטה אויף וועלכער ער האָט געבויט די מערסטע פון זיינע דראַמעס. זיין באַשטרעבונג איז געווען אריינצוברענגען דעם ראַציאָנאַליזם אינם אידישן לעבן און צו פּראָפּאַגאַנדירן וועלטלעכקייט צווישן די ברייטע אידישע פאָלקסמאַסן.

ווען מיר זיינען אַרויף אויף דער טעמע פון דעם מצב פון אידישן טעאַטער דאָ אין לאַנד, האָבן זיינע אויגן ברייטלעך אויפגעפלאַמט און ער האָט זיך אָפּגערופן בזה הלשון:

„אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן האָבן אין אונזער ריי אַזעלכע קינסטלער ווי יעקב פּ. אדלער און קעני ליפּצין, וועט דער אידישער טעאַטער דאָ האָבן אַ ווערט און שטיין אויף אַ הויכער מדרגה. ס'וועט דאַמאָלט זיין פאַר וועמען צו שאַפן, און ווער ס'זאָל דאָס געשאַפענע ריכטיק אויפפאַסן. אדלער האָט דעם קינסטלערישן חוש ריכטיק אויפצופאַסן

א ראָל; ער פאַרשטייט אויסגעצייכנט דעם לעבן מיט גאָר זיין צער און פרייד. ער לעבט דורך א ראָל מיט אַלע פּיטשעווקעס און טייטשט איר אויס אויף אַ גרינטלעכן און קינסטלערישן אופן. דאָס זעלבע מוז מען זאָגן וועגן דער מאַדאַם קעני ליפּצין. אויך זי קאָן פּול־שטענדיק דעם אידישן לעבן, און אויך זי האָט אַ פולשטענדיק אנט־וויקלטן חוש. אגב, לאָזט זי זיך לערנען, האָט אַ נויגונג זיך צו פאַר־טיפן, פאַרמאָגט אויך אַ געוואַלדיקע התמדה און מען באַדאַרף מיט איר ניט קנעלן ווי מיט אנדערע."

אונזער געשפּרעך פאַרנעמט זיך אין אַן אנדער דירעקציע. מיר גייען איבער צו די מחברים און דראַמאַטורגן פון יענער תקופה און איך פרעג אים, וואָס אַזוינס ער דענקט וועגן גאָלדפאַדענען ווי אַ דראַ־מאַטורג, וואָס זיין מיינונג איז וועגן גאָלדפאַדענ'ס אפּערעטעס און ווי אַזוי דאָס פאָלק נעמט אויף אָדער דאַרף אויפנעמען גאָלדפאַדענס שאַפונגען באַזירט אויף דער אידישער געשיכטע.

אויף גאָרדינ'ס ליפּן צושפּרייט זיך אַ מין ביטול־שמייכל, און ער זאָגט:

„דאָס זיינען קינדער־שפּילן, און מען געפינט אין זיי ניט קיין רעאַלן אינהאַלט און אפילו קיין פּונק ניט פון דער מאָדערנער דראַמע. ס'איז צונויפגעשטופּעוועט פון אַלטע פאַרשימלטע באַיקעס, וואָס האָבן ניט קיין טעם און קיין ריח."

איך בין נשתומם געוואָרן פון זיינע רייד, און מיר איז אַרויף אויפן געדאַנק וואָס דער אַלטער דיכטער, אברהם גאָלדפאַדען, האָט מיר געזאָגט ערשט בייטאָג אַז „ער איז אנטוישט פון דעם היגן לעבן, וואָס זיינע קאָלעגן דראַמאַטורגן האָבן זיך פון אים דערווייטערט אויף דער עלטער."

גאָרדין האָט מיך אויך מכבד געווען מיט אַ בראָשור פון זיין פּיעסע „גאָט מענטש און טייוול". אויף איינעם פון די בלעטער האָט ער אָנגעשריבן אַ זאַץ: „גאָט און דער טייוול זיינען ניט מער ווי אַ דיכטונג. ווען וועט דער מענטש זיין אַ רעאַליסטישע זאַך".

אין דעם דאָזיקן אויפשריפט האָב איך געזען דעם אונטערשיד צווישן די צוויי שאַפער פון דער אידישער בינע און לערער פון די

אידישע מאסן. ביי גאָרדינען איז גאָט און דער טייוול „ניט מער ווי אַ דיכטונג", ביי אים איז דער פּראָזאאישער רעאַליזם דאָס אייבער־שטע פונם שטיסל. גאָלדפאדען אָבער חלומט פון אַ אידיש לאנד, פון אַ רואיקער היים פארן אידישן פאָלק. דער כאָר אין גאָלדפאדענס „שולמית" „בגריסט די שטאָט ירושלים מיט אַ בית המקדש אַ נייעם".

גאָרדין איז געווען דער אמתער אלישע בן אבויה. ער האָט גע־חלומט פון אַ נייעם לעבן. ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט אידישקייט, ער האָט אויסגעטאָן פון זיך דעם רוחניותדיקן לבוש און האָט זיך איבערגעגעבן דער רעאליטעט, דער גשמיותדיקער תאווה, „ווען וועט דער מענטש זיין אַ רעאליסטישע זאך", ווען וועט דער מענטש זיך באפרייען פון חלומות און אינזינען האָבן בלויז דאָס מענטשלעכע און דאָס ערדישע.

גאָלדפאדענ'ס וואונש וועגן אַ העברעאישן טעאטער אין אמעריקע האָט אָנגעהויבן פארווירקלעכט צו ווערן צווישן די גרעסערע אידישע קהלות איבערן לאנד. אין אַ פּאָר יאָר ארום נאָך דער אויפפירונג פון גאָלד־פאדענ'ס העברעאישן איין־אקטער „דוד במלחמה", ווערט דערציילט אין דער העברעאישער טאָג צייטונג „היום", 1909, 5) וועגן דער אויפפירונג פון אַ העברעאישער פּיעסע „עתידנו", וואָס די צעירי־ציון פון איסט ניו יאָרק, תלמידים פון דער תלמוד תורה „תפארת ישראל" האָבן געשפּילט אין קלינטאָן האָל דעם ערשטן טאָג חנוכה אין יאָהר תר"ע. די דאָזיגע יוגנטלעכע אגודה האָט זיך ארומגעטראָגן מיט שיינע חלומות וועגען א „תיאטר עברי ילדותי" — א העברעאיש קינדער־טעאטער, וואו עס זאָלן אויפגעפירט ווערן פּיעסן אין דער העברעאישער שפּראך אין איינקלאנג מיט דער אויפלעבונג פון דעם אידישן לאנד. דער געדאנק איז שטארק געפעלן געוואָרן אין די ציוניסטישע און העברעאישע קרייזן אין ניו יאָרק. דער רעדאקטאָר פון „היום" האָט געפונען פאר נויטיק אָנצו־שרייבן אַן עדיטאָריעל וועגען דעם „תיאטר ילדותי תמידי", לויבנדיק

---

5) ערשטער נומער, דערשינען דעם 18־טן יולי, 1909, דער לעצטער נומער — דעם 5־טן נאָוועמבער, 1909. ס"ה 90 נומערן. ארויסגע־בער מ. גאָלדמאן, רעדאקטאָר ב. צביון (דר. האָפּמאן).

די אונטערנעמונג און אפּעלירנדיק צו אידן צו שטיצן דאָס העברעאישע טעאַטער אין אמעריקע.

די דאָזיקע ערשיינונג אין יענער צייט איז וויכטיק גענוג איבערצו־געבן פאַר די קומענדיקע דורות וואָס די העברעאישע פרעסע האָט גע־זאָגט וועגן דער אויפפירונג פון העברעאיש טעאַטער אין אמעריקע. איך גיב דאָ איבער פאַר די לעזער דעם אָריגינעל פון דעם מאמר ראשי (דעם לייט־ארטיקל) פון „היום" און אן איבערזעצונג דערפון.

תיאטר עברי ילדותי [6]

חברי אגודת צעירי ציון ממזרח ניו־יאָרק הרו והגו רעיון הגון ורם. הם עתידים להציג על הבמה באולם „קלינטאָן" ביום א' דחנוכה הבא (8 בדצמבר, תר"ע) בערב דרמה עברית לאומית בשם „עתידנו". הדרמה הזאת חוברה על ידי שני המורים העברים ש. לערנער ונ. אהרנסאָן. הדרמה תערך על ידי תלמידי התלמוד תורה „תפארת ישראל" אשר ברחוב פענסילווייניא, במזרח ניו יאָרק, ילדים עברים מבני י"א ועד י"ג שנה. הם מבקשים מאת כל חובבי עברית להכיר ולהוקיר את המפעל הלאומי הזה ולעזור להם לברוא וליסד תיאטר עברי ילדותי תמידי.

ובכן, כאשר הננו רואים מתוך ההודעה הקצרה הזאת נכבד מאד החזיון החדש הזה בחיינו הלאומיים בארץ הזאת. חברי אגודת „צעירי ציון" במזרח ניו יאָרק לא רק שיעמלו להציג מחזה עברי נערך על ידי ילדים עברים בשפת עברית, כי אם גם ישתוקקו בכל לבם ונפשם ליסד תיאטר עברי ילדותי תמידי.

לגמור את ההלל על החזיון החדש הזה בחיינו ועל חפצם הרם, אך למותר הוא. אנחנו מאמינים כי כמעט שלא ימצא אף אחד בקרבנו, אף בין אלה מאחינו הנודעים במעוט חבתם אל שפתנו וספרותנו, אשר לבו לא ירחש אהבה וכבוד והודיה לצעירים העברים הנפלאים האלה השוכנים בתוכינו בגבולות עירנו הזאת. ולזאת אנו חושבים ומקוים, כי שום אחד מאחינו בני ישראל לא ימנע את עצמו מתמוך את הצעירים האלה בכל מה דאפשר, כי ישיגו את חפצם לתועלת חנוך בני נעורינו ולתחית שפתנו אשר התחילה להראות אותות תנועה וחיים מהיום שבו הופיע „היום" העברי היומי ראשונה.

אין אידיש לייענט זיך דער עדיטאָריעל: —

„די חברים פון דער אגודה „צעירי ציון" פון איסט ניו יאָרק האָבן זיך דערטראַכט צו אַ ווערטפולן און דערהויבענעם געדאַנק. אינגיכן וועלן זיי אויפפירן אַ נאַציאָנאַלע העברעאישע דראַמע אונ־

6) לייט ארטיקל אין „היום", י"ט תשרי, תר"ע. נויאָרק.

טערן נאָמען „עתידנו” (אונזער צוקונפט) אין קלינטאָן האָל, דעם ערשטן טאָג חנוכה, תר"ע. דידאַזיקע דראַמע איז די ארבעט פון צוויי העברעאישע לערערס, ש. לערנער און נ. אהרנסאָן. די דראַמע וועט אויפגעפירט ווערן פון די תלמידים פון דער תלמוד תורה „תפארת ישראל” אויף דער פענסילווייניע גאַס, אין איסט ניו יאָרק. די קינדער זיינען אין עלטער פון 11 ביז 13 יאָר. זיי ווענדן זיך צו אַלע ליבהאָבער פון דער העברעאישער שפּראַך, זיי צו העלפן אין דער גרויסער נאַציאָנאַלער ארבעט, צו גרינדן אַ באַשטענדיקן העב־רעאישן קינדער טעאַטער אין אַמעריקע.

מיר זעען אין דעם דאָזיקן קורצן אַנאָנס אַ גרויסע און דערהאָ־בענע דערשיינונג אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן דאָ אין לאַנד. די חברים פון דער אגודה „צעירי ציון” פון איסט נויאָרק, ניט נאָר ווילן זיי אויפפירן אַ העברעאישע פּיעסע דורך אידישע קינדער אין דער העברעאישער שפּראַך, נאָר זיי האָבן אויך גרויס חשק צו עטאַבלירן אַ באַשטענדיקן העברעאישן קינדער טעאַטער דאָ אין לאַנד.

די לויבנסווירדיקע און דערהאָבענע אקציע אין אונזער נאַציאָ־נאַלן לעבן איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. מיר גלויבן קוים אויב עס געפינט זיך איינער צווישן אונז און אפילו צווישן די וואָס זיינען ניט קיין מאמינים אין דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און איר ליטעראַטור, אַז דאָס הארץ זיינס זאָל ניט אָנקוועלן מיט ליבע און אכטונג די דידאָזיקע וואונדערבאַרע יונגע קינדערלאַך, וועלכע וואוינען ביי אונז אין שטאָט. מיר האָפן און דערוואַרטן, אַז קיין איינציקער איד זאָל ניט צוריקשטיין צו העלפן מיט וויפיל ער קען, אַז די קינדער זאָלן דערגרייכן דעם צוועק צו וועלכן זיי שטרעבן אויפצולעבן די העברעאישע שפּראַך וואָס איז אַ סך דער־הויבן געוואָרן זינט אונזער טעגליכע העברעאישע צייטונג „היום” איז דערשינען”.

אין דעם ציוניסטישן וואָכנבלאַט, „דאָס אידישע פאָלק,” ווערט אַנאָנסירט אַ ביבליש־היסטאָרישע דראַמע, „מכירת יוסף”, געשריבן פון אַ יונגן העברעאישן דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן. די דראַמע איז אויפגעפירט געוואָרן פון מיטגלידער פון דעם דר. הרצל ציון קלוב,

מיטוואָך אוונט, דעם 19טן אַפּריל, 1914, חול המועד פּסח, אין לע־נאָקס טעאַטער, לענאָקס עוועניו, קאָרנער 111טע גאַס. דער אַנאָנס לייענט זיך אַז: „די פאָרשטעלונג ווערט אויפגעפירט אונטער דער פּערזענלעכער דירעקציאָן פון דעם באַוואוסטן שוישפּילער און אַר־טיסט הערר לעאָן בלאַנק פון לענאָקס טעאַטער. אין די פּראָגראַמעס וועט געדרוקט ווערן דער אינהאַלט פון דער פּיעסע אין אידיש און אין ענגליש, זאָ דאָס אויך די, וועלכע פאַרשטייען ניט העברעאיש וועלן פאַרשטיין אַלעס וואָס קומט פאָר אויף דער בינע. רעוו. מאַ־סלאַנסקי און אַנדערע באַוואוסטע רעדנער וועלן רעדן". 7)

די פאָרשטעלונג איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. חברים פון ציוניסטישע און פּועלי ציוניסטישע פאַראיינען, ווי אויך קינדער פון העברעאישע שולעס און תלמוד תורה'ס, זענען געקומען זען די פּיע־סע „מכירת יוסף" און הערן אַ לעבעדיק העברעאיש וואָרט. בלאַנק, דער רעזשיסער, האָט אַ היבש ביסל צוגעהאַרעוועט איבער דער פּיעסע. גאַנצע שטיקער האָט ער אַרויסגעוואָרפן און אייניגע סצענעס האָט ער אליין צוגעשריבן, כדי צו געבן דעם עולם אַ „דבר מתוקן" אויף דער בינע. „איך האָב באַשטעלט צו דרוקן די ליברעטאָס אין אידיש און אין ענגליש, האָט בלאַנק געזאָגט, כדי צושוועך זאָלן פאַרשטיין דעם ווערט פון אַ העברעאישער פּיעסע און כדי צו דערמוטיקן דעם אידישן עולם צו שיקן זייערע קינדער אין די העברעאישע שולעס, צו לערנען העברעאיש". דער אינהאַלט פון דער רעדע פון רעוו. מאַ־סלאַנקי, איז אויך געווען אַ סאָרט דעמאָנסטראַציע פאַר דער העב־רעאישער שפּראַך. דער באַגאַבטער רעדנער האָט געמאָלן ליכטיקע בילדער וועגן דער צוקונפט פון העברעאיש אין ארץ ישראל, וואו דער לשון הנביאים האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם אידישן פאָלק אין דעם אידישן לאַנד.

אין דער אידישער אַקטיאָרן וועלט אין נויאָרק, האָבן זיך צו יע־נער צייט, אין די יאָרן פון דער וועלט מלחמה, געפונען יונגעלייט, דילעטאַנטן, וועמען די אידישע בינע איז ניט געווען פרעמד. איי־

7) „דאָס אידישע פאָלק", 9טן אפּריל, 1914.

ניקע פון זיי זיינען געווען אמאטאָרן, וועלכע זיינען שוין מערערע מאָל אויפגעטראָטן אין ראָלן, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן נאָך ניט געטראָגן אויף זיך דעם אָפיציעלן חותם פון דער אקטיאָרן יוניאָן. אייניקע זיינען געווען אָנגעשלאָסן אָן דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס לאָקאַל נומער 5. אין דער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען מענטשן מיט גאָר אַ היפּשן שוישפּילער־טאַלאַנט. אָבער אין דעם „מדור העליון", אין דעם אויבער־שטיבל פון דער אקטיאָרן יוניאָן האָט מען זיי ניט צוגעלאָזט.

צווישן די דאָזיקע יונגע מענער האָבן זיך געפונען אַ צאָל וואָס האָבן געקענט העברעאיש און האָבן שטענדיק גערעדט וועגן אויפפירן פּיעסן אין העברעאיש. געפינט זיך אַ נאָטיץ אין דעם וואָכנבלאַט „התורן" פון 7טן יוני, 1918, וואו עס ווערט געמאָלדן אַז: „בנויאָרק נוסדה זה לא כבר חברה בשם „הבימה העברית", שמטרתה ליסד תיאטרון עברי עממי, שיעבור בערי ישראל באמעריקה. התיאטרון יציג בעיקר מחזות מחיי ארץ ישראל. גדול ערכו של תיאטרון עברי שהוא דבר חדש באמעריקה, להפיץ את רעיון התחיה הלאומית ולהרביץ את דעת הלשון העברית והדבור העברי".

(אין נויאָרק האָט זיך ניט לאַנג געגרינדעט אַ חברה מיטן נאָמען „הבימה העברית", די העברעאישע בינע, וועמעס אויפגאַבע עס איז אויפצופירן פּיעסן אין אַ העברעאישן פאָלקס טעאַטער (אין נויאָרק) און איבערן לאַנד. עס לאָזט זיך גאַרניט אָפּשאַצן דער ווערט פון אַ העברעאיש טעאַטער אין אַמעריקע. דידאָזיקע בינע וועט פאָרשטעלן דאָס אידישע לעבן אין ארץ ישראל. דאָס איז אַ נייע אונטערנעמונג צו וועקן באַוואוסטזיין פון די אידן פאַר דער אויפלעבונג פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך — העברעאיש).

דער ערשטער צוטריט פון דער הבימה העברית ארויסצוברענגען דעם געדאַנק פון אַ העברעאיש טעאַטער מכוח אל הפועל איז געווען די אויפפירונג פון אַ פּיעסע מיטן נאָמען „אלה כרים", אַ דראַמע אין דריי אַקטן, געשריבן פון ל. א. אורלאָף (הוצאת „קדימה" ניו יאָרק תרע"ח). דער אַנסאַמבל איז באַשטאַנען פון ליזה וואַרון און עזרא הררי, צוויי שוישפּילער פון ארץ ישראל, בן ציון דלמן, ד. שכנאי

יעקב גאָרדין

JACOB GORDIN

Playwright of the Modern Yiddish Drama.


יעקב גאָרדין

דעם דאָזיקן זאַץ האָט יעקב גאָרדין אויפגעשריבן אויף זיין בוך „גאָט, מענש און טייוועל", וואָס ער האָט געשיינקט צו דוד ב. טירקעל, דעם 4־טן יוני, 1905.

(שאכנאָוויץ), א. לין און אנדערע. דער רעזשיסער איז געווען דער טאַלאנטפולער אקטיאָר מארק שווייד. די דעקעראציעס, דער כאָר און די מוזיק, האָבן געטראָגן אן אָריענטאַלישן כאראקטער. די פּיעסע „אלה כרים" איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 16טן יוני 1918 אין אוירווינג פּלעיס טעאטער, אויף דער 14טער גאַס, נויאָרק. (8) אין אַ צווייטער מעלדונג אין „התורן", דעם 21טן יוני, 1918, ווערט געגעבן אַ קורצער איבערבליק וועגן דער אויפפירונג פון דעם „ערשטן העברעאישן טעאטער". אין דעם אנאָנס ווערט שוין דערציילט, אז דעם זעלבן אָוונט איז אויך געשפּילט געוואָרן דער מאָנאָלאָג „נאָך קבורה", פון י. ל. פּרץ, איבערזעצט פון מ. פיינשטיין, און דער „הויקער" פון פראנסואַ קאָפּיי, איבערזעצט פון א. מ. הרברט. (9)

בתוך כך, ווען אין אמעריקע האָט אָנגעהויבן אויפצושפּראָצן און זיך צו אנטוויקלען אַ סאָרט העברעאישע בינע דורך קלובן און דראַמאטישע געזעלשאפטן, האָט אין דער זעלבער צייט פון יענער זייט ים געהאלטן ביים אויפגיין אַ ליכטיקער שטערן אויף דער העברעאישער בינע. עס קלינקט כמעט ווי אַ פּאראדאָקס. אין סאָוועטן־לאנד, וואו דאָס לערנען העברעאיש איז געוואָרן פארפאָלגט (פון די יעווסעקעס) אלס אַ קאנטער־רעוואָלוציאָנערע שפּראך, וואו העברעאישע ביכער און ספרים ווערן אויסגעליידיקט פון די שאפעס פון יהידים, פון בתי מדרשים און פון ביבליאָטעקן און ווערן „אַוועקגעשיקט אין גלות" קיין אמעריקע און אנדערע לענדער, פארקויפט צו ווערן דורך דעם „טארגסין", ווערט אין סאָוועט־רוסלאנד געשאפן אַ העברעאיש טעאטער, מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג, צונויפגעשטעלט און רעזשיסירט פון די גרעסטע בינע מייסטערס, וואָס דאָס ראטן לאנד פארמאָגט.

ר. בן־ארי, אַ מיטגליד פון דער „הבימה"־טרופּע, וואָס נחום

---

8) זע „התורן", 5טער באנד, נומער 13, 7טער יוני, 1918.

9) אין אַ בריוו צו מיר פון מארק שווייד 28־טן מערץ, 1938, גיט ער מיר איבער, אז ער, שווייד, האָט אויך אויפגעפירט „הגיטו החדש" פון דר. הרצל, און „מארצות רחוקות" איבערזעצט פון אידיש ביי י. ד. בערקאָוויץ.

צמח האָט געגרינדעט אין מאָסקווע אין 1917, איז בספק, אויב די מאָסקעווער „הבימה" איז געווען דאָס ערשטע העברעאישע טעאַטער אין אייראָפּע. אין זיין בוך „הבימה" (10) דערציילט בן ארי, אַז „עס איז שווער פעסטצושטעלן ווען די „הבימה" איז געגרינדעט גע־וואָרן, אויב די „הבימה", וואָס נחום צמח האָט געגרינדעט אין ביאַ־ליסטאָק, האָט אַ שייכות צו דער „הבימה", וואָס איז שפּעטער גע־גרינדעט געוואָרן פון דעם אייגענעם צמחן אין מאָסקווע". ער דער־ציילט ווייטער, אַז די זעלבע ביאַליסטאָקער גרופּע איז געפאָרן קיין ווין אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס (דער 11טער ציון־קאָנגרעס אין 1913), און דאָרטן געשפּילט פאַר די דעלעגאַטן אָסיפּ דימאָוום פּיע־סע „דער אייביקער וואנדערער" אין אַ העברעאישער איבערזעצונג. לויט דער דאָזיקער השערה קען מען רעכענען, אַז העברעאיש טעאַ־טער איז געשפּילט געוואָרן אין רוסלאַנד נאָך אין יאָר 1913 פון אַ גרופּע דילעטאַנטן, וואָס נחום צמח און זיינע חברים האָבן געגרינ־דעט. בן ארי גיט אויך אָן די סיבה, וואָס האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון העברעאישן טעאַטער אין אייראָפּע: „דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין האָט מיט אימפּעט געוועקט צו מעשים. ס'האָט זיך אנדעקט אַ קוואַל פון פאַרשלאָפענע כוחות און מ'האָט אָנגעהויבן צו גרינדן קלובן, געזעלשאַפטן, לייען־קרייזן און אויך דראַמאַטישע קרייזן."

דער פּראָצעס וואָס די „הבימה" האָט דורכגעמאַכט ביז איר אויסוואַנדערונג פונם סאָוועטן־לאַנד, ווערט איבערגעגעבן באריכות אין בן־ארי'ס בוך „הבימה". דאָ וועל איך בלויז באַרירן בקיצור די פּעריאָדע ווען די „הבימה" איז געקומען קיין אַמעריקע און האָט דאָ דורכגעפירט איר רעפּערטואַר אין נויאָרק, פילאַדעלפיע און אין די פּראָווינץ־שטעדט. דער ניו יאָרקער אידישער אימפּרעסאַריאָ, ס. יוראָק, האָט געזען שפּילן די „הבימה" אין פּאַריז, און עס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. „מיט אַזאַ נייקייט אויף דעם טעאַטער־פעלד", האָט ער געזאָגט, „קאָן מען אין אַמעריקע מאַכן זייער אַ סך געלט".

---

10) זע „הבימה" פון ר. בן־ארי, איינלייטונג פון דר. מוקדוני, פאַרלאַג י. מ. שטיין, שיקאַגאָ, 1937, ז"ז 25.

ער האָט טאַקע לאַנג ניט געטראַכט, און אין 1926 געבראַכט די „הבימה" קיין אַמעריקע.

דער אויפטרעטן פון דער „הבימה" האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פונם אידישן עולם אין ניו יאָרק. נאַכט נאָך נאַכט איז דאָס מאַנס־פיעלד טעאַטער אויף זיבן־און פערציקסטע גאַס און בראָדוויי, און שפּעטער אין אוירווינג פּליים טעאַטער אויף דער איסט סייד, געווען געפּאַקט פון ווינקל ביז ווינקל. אַזאַ קינסטלעריש שפּילן איז נאָך ביז דאַמאָלט אין אַמעריקע ניט געזען געוואָרן. די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע קענען אַזוי ווייניק העברעאיש, האָבן אפילו מוחל גע־ווען אויף דעם אומפאַרשטענדלעכן לשון וואָס האָט זיי געקלונגען אַזוי מאָדנע, און מיטגעטאַנצט אין דעם התלהבות'דיקן ריקוד. דער שייַ־נער אַנסאַמבל־שפּיל, די זיסע חסידישע ניגונים, די פאַנטאַסטישע טענץ, די רייכע ליכט־עפעקטן, די מאָדנע מלבושים ווי בכלל יעדער ריר און קער, האָבן געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק אויף „עמך", און ער איז אַרויס פון טעאַטער אַ דערהויבענער און צופרידענער.

די אמתע אָפּשאַצונג פון די „הבימה"־פאָרשטעלונגען איז אָבער געקומען פון דעם אינטעליגענטערן עולם, פון די משכילים און העב־רעער, פון די ציונים און לומדים. ביי זיי איז די העברעאישע פאָר־שטעלונג פון אַנסקי'ס „דיבוק", לייוויק'ס „גולם" און ריכאַרד בער'ס „יעקב'ס חלום" געווען אַן אמתע התגלות, אַן אַנטפּלעקונג וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם און פאַרטראָגן אין די עולמות העליונים. מ'האָט די שפּילער באַטראַכט ווי מיסטיקער און מקובלים, ווי אַ יתר הפלטה פון די יוצאי מצרים וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט די עליה, ווי אַלטע העברעער פון אַ פאַנטאַסטישער וועלט, ווי קינדער פון די בירי שבטים אַריינדרינ־גנדיק אין לאַנד פון די פּרעה'ס, ווי דער לעגענדאַרישער עתיד וואָס פאַר־קערפּערט אין זיך און בינדט זיך צונויף מיט דעם עבר פון אברהם אבינו, דער באַגרינדער פון דער אידישער נאַציע.

איך זיצט אין טעאַטער פאַרגאַפט מיט אַן אָפן מויל. איך זעט די אַנטפּלעקונג פון פאַרבאָרגענע וועלטן, פון די צפת'ער מקובלים אין האַרי'ס צייטן, און אייך דוכט זיך, אַז דאָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אהער אַ גרופּע מיסטיקער ערגעץ פון אַלטע וועלטן און פאַרגאַנגענע

דורות, ווען דער מענטש איז נאָך געווען נאָנט צו גאָט און געדינט כביכול מיט גאַנצקייט, מיט התלהבות, מיט שירים ותשבחות. אָט דער דאָזיקער געפיל האָט ארומגעכאפט די צושויער וועלכע האָבן צוגעשט געזען שפילן די הבימה טרופע אין פילאדעלפיער מעטראָפּאָליטאָן אָפּערע הויז, און שפּעטער אין גארדען טעאטער, אום ווינטער פון 1926 אין פילאדעלפיע. אן איבערמענטשלעכע השגה האָט באַקליידט כמעט יעדן פון די שוישפּילער וואָס האָט אזוי ווי היפּנאָטיזירט דעם צושויער און אים פארטראָגן אין פרעמדע, אומבאקאנטע וועלטן.

האָט דער אינטעליגענטער עולם מיט פרייד אויפגענומען די הבימה שפּילער. מ'האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן אין לעבן געבראכט דעם באשאף פון אַ נייעם צווייג אין דער העברעאי־שער ליטעראטור, די טעאטער קולטור, וואָס איז ביז איצט געווען אַ ספר החתום ביי אידן. עס האָט זיך אויסגעדאכט, אַז דורך דער הבימה טרופּע וועט געבויט ווערן אַ מאָדערנע העברעאישע בינע אין אמע־ריקע.

האָט אָבער פּאסירט, אַז מיט דעם הבימה קאָלעקטיוו, 11) וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע, איז מיטגעפאָרן דער שטן. צווישן די חברים האָט אריינגעטראָטן אן אומצופרידנקייט, אַ דיסהארמאָניע צו־ליב פארשידענע טעמים, ווי עס באשרייבט בן־ארי אין זיין „הבימה" בוך. דער קאָלעקטיוו איז זיך צעפאלן. אייניקע פון די שוישפּילער זיינען אַוועק קיין קאליפאָרניע, און אנדערע זיינען אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל, דאָס נאטירלעכע לאנד פאר דער הבימה, און דאָרטן געגרינ־דעט אַ העברעאיש טעאטער.

---

11) די טרופע „הבימה" וואָס איז אָנגעקומען קיין אמעריקע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע:

נחום צמח, חנה ראווינה, ב. טשעמערינסקי, ר. בן ארי, חיה־ילע גראבער, א. וויניאר, בנימין צמח, י. גאלאנד, ח. יודעלעוויטש, א. מעסקין, י. בראָטנאָוו, צבי פרידלאנד, א. פרודקין, ד. איטקין, בענאָ שניידער, חביבה פודאלאָווא, ח. הענדלער, ש. באראקס, ארי וואר־שאווער, מרים גאָלדין, בן־חיים, טשעטשיק אפרתי, נ. וויניאר, א. רובינשטיין, ח. איידעלמאן, ש. ברוק, ת. ראבינס, בת־עמי, ה. גא־ווינסקא, ח. פאדואית, ס. ליוביטש און א. באראץ.

לידידי היקר
דוד בער טירקעל
מאת
אברהם גאלדפאדען
נ.-יארק 4 יולי 1905

218, E. 11 Str.
N. Y.

צִצִים וּפְרָחִים

אספת שירים שונים

מאת

אברהם בן חיים ליפא גאָלדפאַדען

יליד קאנסטנטין ישן

נדפס פעם ראשונה בזיטאמיר בשנת תרכ"ה בהיותו תלמיד בית מדרש הרבנים בזיטאמיר

ועתה נדפס מחדש בהוצאה שניה ע"י המדפים יוסף פישער בקראקא.

קראקא
בדפוסו של יוסף פישער (גראָדגאססע 62)
שנת תרנ"ז לפ"ק.

אויפשריפט פון אברהם גאָלדפאדען צו דוד ב. טירקעל.

Autograph of Abraham Goldfaden.

מיט דעם דורכפאל פון „הבימה" אין אמעריקא, זיינען צערונען געוואָרן די האָפענונגען פאר אַ העברעאיש טעאטער, און דער שיי־נער חלום פון די אמעריקאנער העברעער איז אוועק מיטן רויך. גאָלד־פאנדענס נבואה וועגן שפילן העברעאיש טעאטער אין אמעריקע, איז מקוים געוואָרן אָבער ניט אויף לאנג. ער אליין האָט שוין ניט דער־לעבט צו זען זיין חלום אלס ווירקלעכקייט דאָ אין לאנד.

זעקסטער קאפיטל

די העברעאיש־דראמאטישע אגודות, — „העברי הצעיר" און זיינע חברים. — העברעאישע משפחות אין פילאַדעלפיע. — אויפפירונג פון הירשביינ'ס „אינטעליגענט" אין העברעאיש. — טשיריקאָווס „אידן" („היהודים") און אנדערע איבערזעצטע פיעסן אויף דער העברעאישער בינע. — „הבימה הצעירה". — די אסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ס העלפט ענטוויקלען די יונגע העברעאישע בינע.—בן־ארי אָרגאניזירט די געזעלשאפט „פרגוד".— אויפפירונג פון שלום עליכם'ס „עמך" צו דער קאָנוועגשאָן פון הסתדרות עברית אין פילאַדעלפיע.

די פילאַדעלפיער יונגע העברעער זיינען ניט געבליבן הינטערשטעליק אויף דעם געביט פון לימוד עברית און פון הבימה העברית. א לאנגער צעטל פון העברעאישע פאראיינען געפינט זיך פארצייכנט אין פארשידענע אויסגאבן אין טעגליכע צייטונגען און אין פעריאָדישע שריפטן אין פילאַדעלפיע. דער ציוניסטישער כראָניקער און חובב השפה, יעקב צוזמער, גיט אָן אַ לאנגן צעטל מיט נעמען פון העברעאישע אגודות: „דוברי שפת עבר", „עבריה", „העברי הצעיר", „התחיה", „תרבות", „ועד העבודה עברית", „אגודה לתרבות עברית" און די „חברותא".

די טוער פון די דאָזיקע געזעלשאפטן זיינען געווען ציוניסטן, פועלי ציון און סתם נאציאָנאל געזאָנענע אידן. דער צוועק פון די אגודות איז געווען צו פארשפרייטן די העברעאישע שפראך, קולטור און דאָס העברעאישע ספר.

אָוונט־קלאסן צום לערנען העברעאיש ווערן דורכגעפירט אַ פּאָר מאָל אַ וואָך אין בית ציון, 1514 ס. 6טע סט., אין דער יאָנג ווימענס יוניאָן, 428 ביינברידזש סטריט און אין דער היברו ליטעראטור סאָסייטי, 310 קעטרין סטריט. די לערער אין די אָוונט שולן זיינען געווען חיים ראָזען, שמואל רייכלין, מ. בערדיטשעווסקי, יהושע בלאָך און ב. שולמאן. דער סדר הלימוד איז באשטאנען פון קריאה וכתיבה, דיבור עברית, תולדות עם ישראל, תנ"ך, רש"י און משנה. צייטנווייז ווערן אויך געהאלטן לעקציעס איבער תלמוד און חכמת ישראל פון אזעלכע מוסמכים ווי פּראָפעסאָר העגרי מאלטער, דר. בן ציון האלפּער

פון דראפסי קאלעדזש, יהודה קויפמאן, דר. ניומאן, הרב ב. ל. לעווינ־טאל און אנדערע.

די אקטיווסטע אָרגאניזאציע פון די העברעאישע געזעלשאפטן איז געווען „העברי הצעיר". צווישן די חברים האָבן זיך געפונען יונגע לייט, וואָס א חוץ זייער בקיאות אין דער העברעאישער ליטעראטור, האָבן זיי אויך באזעסן אין א היפשער מאָס אן אלגעמיינע וועלטלעכע בילדונג. זייער לערנען איז געווען לשמה. העברעאיש איז געווען דער הינטערגרונט פון דער נאציאָנאלער באַוועגונג און די אויפהאלטונג פון אידישקייט דאָ אין לאנד. זיינען טאקע פון דער דאָזיקער „אגודת העברי הצעיר" ארויסגעקומען אייניקע יונגעלייט, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן די לערער און פירער אין ציוניזם. 1)

---

1) אינם פנקס פון „העברי הצעיר" וואָס געפינט זיך ביי יצחק שווארץ דאטירט אָקטאָבער, 1912 און יוני 1914, געפינען זיך פאָלגנ־דיקע נעמען פון די חברים פון דער אגודה (די ערשטע איניציאלן פון אַ גרויסער צאָל נעמען זענען אין פנקס אַרויסגעלאָזן געוואָרן): מ. אלימאַנסקי, אייזיקמאן, אבעלמאן, יהושע בלאָך, יוסף בודער, מ. בער־דיטשעווסקי, חברה ברוידא, משה באגדאנסקי, גאָלדבערג, גינזבורג, אלחנן גין, הערמאן, חברה הער, הירשפעלד, יואל הערמאן, מענדל הענדלמאן, וואן, וואלדאווסקי, י. טעלעס, טאלטשינסקי, טענענבוים, הערי טשעבראָוו, יוסף יוספסאָן, טשעלקין, יצחק יאמפּאָלסקי, ליכט־מאן, דוב לעווין, פנחס לאנדין, שלום מזרחי, מינץ, מעסעלאָוו פנחס מאנועל, מיצמאן, נייטען סיימאן, סיקארניק, מילטן פייערשטיין, פו־ללען, פינקאָוויטש, חברה פערלמאן, פריישטאט, קאלער, איסור קוק, יהודה קויפמאן, קאָהן, אלחנן קאפלאן, קוטשינסקי, ראָוז, חיים ראָ־זען, רייך, שמואל רייכלין, יצחק שווארץ, חברה שוחט, עליזבערג יוסף לאָנדאָן, דר. שימשעלעוויטש, חברה שרה שימשעלעוויטש, יעקב מלמד, יעקב פען, נושה מילמאן, שולמאן, חנא גאָטעספעלד, יצחק קרים, חברה גרעץ, באַרדמאן, ביילים, קיציס, קופער, גודמאן, יאפע צבי ראטמאן, גרשון ראטנער, פעלדמאן, מרדכי הענקין, שווארצמאן, ה. פיוואָוואר, רבקה עליזבערג, מ. ציזלינג, מילער, מרדכי וואקס, ליפשיץ, קועל, אברהם לייב בערקאָוויץ, צבי נובאקובסקי, **דוד** נובאקוסקי, מ. העלפערן, דוד יצחק מאן, מאיר עלמאנסקי, סעם גראָסמאן, ברוך פייער, שוחט, גרעסין, יעקב צוזמער, פנחס הכהן מארדעל, פלג, און גרשון אגראנסקי.

„העברי הצעיר" גרופּע

"YOUNG HEBREW" GROUPE



ערשטע שורה: אברהם טאבאק, ג. פלג, זכריה מאיר פרידמאַן, נייטן וועקסלער.
צווייטע שורה: יצחק שווארץ, חים ראָזין, א. ל. בערקאָוויץ, יעקב צוזמער, משה באגדאנסקי, יצחק ראזין.
דריטע שורה: פּ. ניומאַן, שלום מזרחי, גאָלדע ניומאַן, מ. אדאשקע־לעווין, מרים שווארץ, ש. וואלדאָווסקי, (נאָמען אומבאַ־קאנט), ד. סמיטה.

א וויכטיגע דערשיינונג איז דער אויפקום פון א פּאָר צענדליק משפּחות אין פילאדעלפיע, וועלכע האָבן דערצויגן זייערע קינדער אויף דער העברעאישער קולטור. אָנהייבנדיק פון וויגל ביז זיי האָבן דערגרייכט דעם עלטער אלס תלמידים אין אוניווערסיטעט.

די פאמיליע דר. חיים הערים (א שוואָגער פון דר. יהודה קויפמאן) איז די אויסשטייענדע צווישן די משפחות העברעער אין פילאדעלפיע. די זין און טעכטער פון דר. הערים זיינען גוט באהאוונט ניט נאָר אין דער העברעאישער שפּראך און ליטעראטור, נאָר אויך אין תלמוד און נושאי כליו. דער עלטערער זון, זעליג, איז פּראָפעסאָר פון העברעאיש אין פענסילווייניע אוניווערסיטעט. די אנדערע משפחות זיינען: יצחק שווארץ, אברהם ליב בערקאָוויץ, ישראל פּאול, מאיר לעווין, זעליג באלאבאן, פּייוול ניומאן, חיים ראזען, אלחנן גין, חברים פון דער געוועזענער אגודה „העברי הצעיר", ווי אויך די קינדער פון די העברעאישע לערער, דר. ש. פּיטליק, אלחנו ירדן, דר. בית־הלחמי, דר. ז. חומסקי, דר. נ. שרף, און אייניקע אנדערע משפחות. פון די דאָזיקע אידישע הייזער זיינען שפּעטער ארויסגעקומען די יונגע מענער און פרויען, וועלכע האָבן געבראכט צום אויסדרוק די העברעאישע בינע אין פילאדעלפיע.

די משפחות און נאציאָנאלע געזעלשאפטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען א גרויסע צאָל היימישע משכילים, האָבן צוגע־גרייט אן עולם, וואָס איז געווען מסוגל תופס צו זיין דעם אינהאלט און די האנדלונג פון א העברעאישער פּיעסע. די דאָזיקע טוער האָבן פּשוט באשאפן א יש מאין. די חברים פון די העברעאישע געזעל־שאפטן האָבן געליפערט אי די שוישפּילער אי די צושויער.

די געזעלשאפט „העברי הצעיר," האָט אין 1915, אָרגאניזירט די ערשטע הבימה גרופּע אין פילאדעלפיע. די ארבעט צו אָרגאניזירן די הבימה איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אברהם משה דראָפּאן (כפרי). 2)

כפרי איז געווען אן אלזייטיקער קולטורעלער מענטש, מיט א היפשער מאָס זעלבסט בילדונג. ער איז אויסגעפאָרן א וועלט און

---

2) פון א מאָנאָגראפיע אין כתב יד ביי א. ל. בערקאָוויץ.

האָט מרביץ געווען די העברעאישע שפּראַך צווישן דער אידישער יוגנט אויף יעדן געביט, וואו עס האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט כפרי זיך אָפּגעגעבן מיט פּריוואַטע לערן שטונדן אין די היימען פון דעם רייכערן קלאַס אידן. כדי צו פאַרגרינגערן זיין אַרבעט מיט די ענליש רעדנדע קינדער, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך אין ענגליש „די נאַטירלעכע סיסטעמע אין דעם אונטעררייכט פון ביבלישער געשיכטע", עמפּייער פּאַבלישינג קאָמפּאַניע, נויאָרק־פּאַריז, 1934, 180 ז"ז.

כפרי האָט מיר צוגעשיקט זיין ביאָגראַפיע עטלעכע טעג פאַר זיין טראַגישן טויט (ער איז געטויטעט געוואָרן דעם 19טן יוני, 1937, אין אַן אָטאָמאָביל צוזאַמענשטויס). 3) די אויטאָ־ביאָגראַפיע פון אברהם משה דאָרפמאַן (כפרי) איז פול מיט היסטאָרישע פּאַסירונ־גען אין אָנהויב פון דער וועלט מלחמה. ער דערמאָנט דאָרט באַקאַנ־טע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער אין דריי וועלט טיילן ביז ער קומט צו דער גרינדונג פון דער יוגנטלעכער העברעאישער בינע אין פילאַדעלפיע.

ער דערציילט מיט וואָס פאַר אַן עגמת נפש אים איז אָנגעקומען צונויפצושטעלן די „בימה עברית". זייענדיק פריש פון ארץ ישראל איז אים געווען שווער זיך צופּאַסן צו דער הפקרות און אומפאַראַנט־וואָרטלעכקייט וואָס ס'האָט דעמאָלסט עקזיסטירט אויף דער אידי־

3) אברהם משה דאָרפמאַן (כפרי) איז געבוירן געוואָרן דעם 9טן יוני, 1891, אין קעשענעוו בעסאַראַביער גובערני. אין 1905 איז ער געוואָרן טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין 1906 איז ער געקומען קיין ארץ ישראל וואו ער האָט געלערנט אונטער דער השגחה פון ישראל בעלקינד. אין דער וועלט מלחמה האָט ער געאַרבעט צוזאַמען מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי אין אַלעקסאַנדריע, אין די אינטערעסן פון די אידישע פליכטלינגע. פון מצרים איז דאָרפ־מאַן אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע וואו ער האָט זיך באַזעצט אין פילאַ־דעלפיע. דאָ האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער אגודה „העברי הצעיר" און האָט געגרינדעט די „הבימה העברית". געטויטעט געוואָרן דעם 19־טן יוני, 1937.

שער גאס בנוגע העברעאיש. די טענה איז געווען אַז העברעאיש איז אַ סידור שפּראַך, זי איז טויט און ניט נוטיק.

אזוי פיל פּראָבלעמען האָבן געדאַפט געלייזט ווערן איידער ער האָט געקענט איינלאַדן דעם עולם און אים ווייזן וואָס מען קען טאָן אויף העברעאיש. עס האָט געפעלט אַ פּיעסע; עס האָבן געפעלט שפּילער; עס האָט געפעלט אַ פּלאַץ און געלט די ערשטע פּיעסע אויפצופירן. די חברים האָבן באַשטימט צו שפּילן דעם „אינטעליגענט" פון פּרץ הירשביין. ער האָט די פּיעסע איבערזעצט אין העברעאיש. חברים פון דער אגודה „העברי הצעיר" זיינען געווען די שפּילער. מיט זיי האָט ער די ראָלן שטודירט און אויך רעזשיסירט די פּיעסע. אַליין האָט ער געשפּילט די ראָלע פון נחומען. די חברים א. ל. בערקאָוויץ, ס. הענדלמאַן, חנה יצחקי (אייזיקמאַן), איר ברודער ראובן יצחקי, האָבן מיט מסירת נפש אים מיטגעהאָלפן אין דער שווערער אונטערנעמונג.

ענדלעך איז די פאָרשטעלונג געגעבן געוואָרן. דער דערפאָלג האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. די קריטיק אין די אידישע צייטונגען האָט זיך זייער וואַרים אָפּגערופן. אויף אַזאַ אופן איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון אַ העברעאישער בינע אין פילאַדעלפיע.

צווישן די אַמאַטאָרן פון דער הבימה העברית האָבן זיך געפינען אויך אייניקע פאַמיליע־מענטשן, וואָס האָבן באַדאַרפט מאַכן אַ לעבן פאַר פרוי און קינדער. אפילו די אומפאַרהייראַטע יונגעלייט און מיידלעך איז אויך אָנגעקומען דער לעבן שווער, פונדעסטוועגן האָט מען ניט געקוקט אויף קיינע קרבנות און מ'האָט דורך די נעכט געאַרבעט, געמאַכט רעפּעטיציע און פון די קעשענעס אויסגעגעבן אויף דעקאָראַציעס און אַנדערע מכשירים.

אַ סך אַרבעט האָבן די יונגע מענטשן אַריינגעלייגט אין דער פאַרברייטונג פון דער ערשטער אויפפירונג אין הירשביינס „אינטעליגענט". די רעפּעטיציעס און פאַרהאַנדלונגען זיינען געפירט געוואָרן אין העברעאיש. דער „נשף" איז צוגעגרייט געוואָרן מיט התלהבות און איבערגעבנקייט. יעדער חבר האָט שטודירט זיין ראָל ווי דער היימישער מתמיד פלעגט זיך פאַרטיפן אין אַ בלאַט גמרא. די חברים

האָבן געפּילט, אַז זיי באַשאַפן אַ נייעם בנין וואָס וועט מיט דער צייט פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין דעם אידישן לעבן. א טייל חברים האָבן גע'חלום'ט וועגן אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרטן גרינדן אַ העברעאישע בימה.

און אויב שוין יאָ שפּילן טעאטער, טאָ זאָל עס זיין מיט אַלע קליפּערלעך. זאָל אויך ניט פעלן קיין העברעאישער כאָר און אָר־קעסטער, וואָס זאָל דעם שפּילן באַגלייטן מיט מוזיק און געזאַנג. איז טאַקע דער דאָזיקער צווייג פון טעאַטער אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. אין דער דראמאטישער גרופּע האָט זיך געפונען אַ יונגער־מאַן, אברהם לייב בערקאָוויץ, מיט אַ מוזיקאַלישן חוש, און ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ כאָר און מיט אים איינגעשטודירט העברעאישע שירים און ניגונים. ער האָט אויך באַזאָרגט אַן אָרקעסטער דיריגירט פון אַ באַקאַנטן מוזיקער, מאיר גאַראַדעצער, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט סיי מיטגלידער פון זיין אייגענער פאַמיליע און פרעמ־דע צוגעצויגענע טאַלאַנטן. טעג און נעכט האָט בערקאָוויץ פאַר־שווענדט מיטן כאָר און אָרקעסטער און מיט זיי אַזוי לאַנג געקנעלט ביז זיי זיינען רייף געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין אַ העברעאישער פאָרשטעלונג. 4)

מיטוואָך דעם זיבעטן טאָג חנוכה, דעצעמבער 8, 1915, איז אויפגעפירט געוואָרן אין לירִיק האָל, זעקסטע און קאַרפּענטער סטריט, פּרץ הירשביין'ס „דער אינטעליגענט". יענער אָוונט איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אינם פילאַדעלפיער אידישן לעבן. פון אַלע געגנטן איז מען געקומען זען און הערן שפּילן טעאַטער אין דער שפּראַך פון אונזערע נביאים. דער כאָר איז געווען געקליידט אין אָריענטאַ־לישע קאָסטיומען, און האָבן מיטגעהאָלפן שאַפן די געהעריקע סביבה. אויך די שפּילער האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט, און דורכגעפירט זייערע ראָלן מיט גרויס איבערגעבנקייט און פיינער באַציאונג. דער

---

4) אין אַ בריוו ווענדט זיך אברהם לייב בערקאָוויץ, צו דעם מרכז ההסתדרות העברית אין נויאָרק אַז די הסתדרות זאָל אים קומען צו־הילף בנוגע דער אָרגאַניזירונג פון אַ העברעאישן כאָר אין פילאַדעל־פיע. דער בריוו איז אַדרעסירט צו י. אפרת איינער פון די חברים פון דער הסתדרות.



אברהם משה דאָרפמאן

רעזשיסער און איינער פון די גרינדער פון דער יוגנטלעכער
העברעאישער בינע אין פילאדעלפיע.

ABRAHAM M. DORFMAN (Kofri)

One of the Founders of the Juvenile Hebrew Stage in Philadelphia

זאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, און געשטורעמט מיט אַפּלאָ־דיסמענטן.

צווישן די געסט, איז אויך געווען דער אַקטיאָר מישא נערמאַן, וועלכער איז אַליין אַ ליבהאָבער און קענער פון העברעאיש. גערמאַן האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צום דערפאָלג פון דער פּיעסע. ער האָט איינשטודירט די פּיעסע מיט די שוישפּילער און אונטער זיין אויפזיכט זיינען געמאַכט געוואָרן די רעפּעטיציעס. צווישן די פּאַרזאַמלטע האָבן זיך אויך געפינען די קינסטלערן דיינא פיינמאַן און לוסי גערמאַן. זיי האָבן מיט באַוואונדערונג נאָכגעפאָלגט יעדן פון די יונגע שפּילער. זיי האָבן זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן, אַז יונגע אַמאַטאָרן זאָלן ארויסווייזן אַזוי פיל קענטעניש אין שפּילן טעאַטער.

דער אַנסאַמבל איז באַשטאַנען פון בן דוב (א. ל. בערקאָוויץ), אַלס אפרים; הדסה (אסתר הענדלמאַן), אַלס זיין ווייב; מ. כפרי (דאָרפּמאַן), און כנרת, אַלס זייערע קינדער; יצחקי (אייזיקמאַן) און זמירה (חברה ספּיוואַק) אַלס שניידערס; פּלג באַכמאַן, אַלס דער קאָוואַל; בודער, קרול, בן אהרן, אַלס אויפזעער; מזרחי, אַלס דער סופלער.

דער גרויסער דערפאָלג פון דער אויפפירונג פון הירשביינ׳ס „אינטעליגענט", האָט דערמוטיקט די יונגע שפּילער פון „הבימה העברית" אויפצופירן נאָך העברעאישע פּיעסן. דאָס מאָל האָט די גרופּע אויסגעקליבן טשיריקאָוו׳ס „די אידן", איבערזעצט אין העברעאיש פון שלום מזרחי, אונטערן נאָמען „היהודים". אין משך פון פיר הדשים, האָבן די יונגעלייט זיך צוגעגרייט צו דער אויפפירונג. דער רעזשיסער איז געווען עזרא הררי, אַ יונגערמאַן מיט אַ היפּשן טאַלאַנט פאַר טעאַטער, וועלכער האָט שוין געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון שפּילן אויף דער אידישער בינע.

חבר הררי איז געקומען פון ארץ ישראל, ער האָט געקענט העברעאיש און געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו דער בינע. ער, הררי, צוזאַמען מיט מ. דאָרפּמאַן (כפרי), האָבן צוגעגרייט דעם אַנסאַמבל, האָבן צעטיילט די ראָלן יעדן לויט זיין זשאַנר. אין דער פּיעסע האָבן אָנטייל גענומען בן דוב (בערקאָוויטש), אַלס לייזער פרענקל; הורוויץ און הדסה, אַלס באַרים און לאה, סטודענטן אין אוניווערסיטעט; עזרא הררי, אַלס שלמה;כנרת, אַלס מאשא; מ. כפרי, אַלס נחמן, אַ

ציוניסט; מ. ציזלינג, אלס בערעזין; א. ברדיטשובסקי, אלס איסור־סאָן; צ. א. ראָזין, אלס פורמאַן; אליעזר ראָזין, אַלס ציימונג־טרעגער; אלחנן גין, אלס אהרן; חברה יצחקי, אלס חנה; אסתר עפרון, אלס שרה; מלמד, אלס דאָרפסמאַן; קרול, אלס דער פויער. צווישן די אקטן איז אויך פאָרגעקומען אַ קאָנצערט, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען גדליה שיינפעלד, מאקס סינאָווסקי, ארטור בלאַנק און עליזאבעט גאראדעצער.

מוצאי שבת, דעם 18טן מערץ (ערב פורים, 1916,) איז אויפגעפירט געוואָרן טשיריקאָוו׳ס „די אידן" (היהודים), אין געוועזענעם מעטראָפּאָליטאַן זאַל, 717 פּעירמאָונט עוועניו. אויך די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. אַן אינטעליגענטער עולם האָט אָנגעפילט דאָס פּלאַץ און האָט שטארק הנאה געהאַט פון דעם שפּילן פון די יונגע העברעער.

די האָניק־חדשים פון דער העברעאישער טרופּע האָבן אָבער לאַנג ניט געדויערט, געוויסע מיספארשטענדעניש זיינען אריינגעטראָטן אין דער אגודה „העברי הצעיר". אויפן פּראָגראַם פון דער גרופּע זיינען נאָך געווען פאַרצייכנט אנדערע פּיעסן, וואָס האָבן באדאַרפט געשפּילט ווערן אינם לויף פון דער צייט. די פּיעסן וואָס זיינען שוין געווען פאָרברייטעט צו שפּילן, זיינען געווען: „די נבלה" פון פּרץ הירשביין און „לאַנדסלייט" פון י. ד. בערקאָוויץ. זיי זיינען אָבער קיינמאָל ניט ארויסגעבארכט געוואָרן מכוח אל הפּועל. אייניקע חברים פון דער אגודה „העברי הצעיר", האָבן אָרגאַניזירט אַ פּאָר נייע העברעאישע אגודות מיט דעם נאָמען „התחיה", און „אגודה לתרבות עברית".ביידע אגודות האָבן געהאַט קיצור ימים און די העברעאישע בימה אין פילאַדעלפיע איז אונטערגעגאַנגען.

אין די מוחות פון אייניקע חברים האָט נאָך אָבער אַלץ געטליעט אַ פונק פון העברעאישן טעאַטער. די אַמאָליקע דילעטאַנטן זיינען שוין געוואָרן טאַטעס פון דערוואַקסענע קינדער, — איז אייניקע פון די חברים איינגעפאַלן צוזאַמענצושטעלן אַ קינדער־בינע מיט דעם נאָמען „הבימה הצעירה". אברהם לייב בערקאָוויץ, מיט דער הילף פון אַ פּאָר אנדערע חברים, האָבן צונויפגעשטעלט אַ קינדער־גרופּע, צו שפּילן העברעאיש טעאַטער.

תכנית הנשף

א. פתיחת הנשף: - פ. ברדצבסקי

ב. תזמורת ומקהלה:

נס ציונה; שירת השומר

(פי-דוב—הזמירה)

ג. על ערך הנשף - מ. כפרי

ד. המקהלה והתזמורת: שירו, שירו

ה. „העברי הצעיר" - ח. ראזין (בין המערכות)

ו. החזיון: „האינטלגנט"

מאת פרץ הרשבין

מתורגם עברית ע"י מ. כפרי

דרמה בשלש מערכות

המשחקים:

אפרים		בן דוב
רחל		הדסה
נחום	ילדיהם	מ. כפרי
אסתר	ילדיהם	כנרת
זהובה	פועלים	יצחקי
שרה	פועלים	זמירה
יצחק	פועלים	פלג
חיים	פועלים	בודער
זלמן	פועלים	קרול
הפקיד		בן-אהרון
הלחשן		מזרחי

ז. סגירת הנשף בשירת התקוה.

הבימה מתכוננת בעתיד הכי-קרוב
להצגת החזיון „אלישע-בן-אבויה" מאת י. גורדין
דרמה בארבע מערכות.

Hebrew Program of the play "The Intelligent" by Peretz Hirschbein

מעטראפאליטאן האלל,

717 Fairmount Ave.

לטובת גן הילדים

„הבימה"

סניף העברי הצעיר

עורכת החזיון השני בפילא.

ביום שבת „ערב פורים"

בהנהלת מיסד הגן הבימה בפילא.

מ. כפרי

ובהשתתפות המצוין מתי של התיאטרון
העממי ביפו.

עזרא הררי

תוצג הדרמה המפורסמת

„היהודים"

מאת טשיריקאוו.

עברית ש. מזרחי

פילאדלפיה

March 18th 1916.

Hebrew Program of the play "The Jews", by Chirikov.

המשורר **ג. שיינפעלד**
(באריטאן סאלא) ישורר:
נטשו צללים
המשחקים:

לייזער פריינקל	-	בן־דוב
באריס / לאה	בתו. תלמ. אוניב.	הורוויץ / הדסה
שלמה, עוזרו של ר׳ לייזר	-	**עזרא הררי**
מאשא, משרתת	-	כנרת
נחמן, ציוני	-	**מ. כפרי**
ברזין, סטודנט חברו של בורים		ציזלינג
איז־סון, פועל בבית חרושת	-	ברדיטשבסקי
פורמאן, דוקטור מדיצין	-	רוזין צ. א.
ישראל, נושא עתונים	-	רוזין אליעזר
אהרון, אחיו של לייזר	-	גין
חנה, אשתו של אהרון	-	יצחקי
שרה, הדודה	-	אסתר עפ־רון
האדון בשמכיה	-	. . .
פאן	-	מלמד
אבר	-	קרול

עוברים, שוטרים, המון פועלים ואכרים.

הקורות—בקישינוב. בשנת 1905.

בין המערכות ינגנו:

סאקס סינאווסקי / ארטהור בלאנק	נארמא / פעטיטי	אמבראז־ / נארעל

פסנתר

ג״ב עליזבעטה נאראדעטצער.

התקוה

שם במקום ארזים.

די פראָבע פון דער הבימה הצעירה צו שפּילן טעאַטער איז פאָר־געקומען זונטיק ח׳ טבת, תרפ״ח, אין אַ גרויסן צימער, אין דער היים פון אברהם לייב בערקאָוויץ, אויפן ראָג פערטע און פּאָפּלאַר גאַס. בערקאָוויץ האָט אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע בימה מיט בענק, מיט דעקעראַציעס, טעכנישע איינריכטונגען, בילעטן, פּראָגראַמען און אַלעס וואָס איז נויטיק צום שפּילן טעאַטער. בערקאָוויץ אַליין איז געווען דער סופלער, דער רעזשיסער און געהאָלפן די קינדער אין דער אויפפירונג פון אַ העברעאישן איינאַקטער „הבובה החולה״ (די קראַנקע ליאַלקע), וואָס י. ש. אדלער האָט אָנגעשריבן אין קינדער־זשורנאַל „העדן״, (אַרויסגעגעבן פון בת שבע גראַבעלסקי, אין ניו יאָרק).

דער איינאַקטער איז אַ מעשהלע, ווי אַ ליאַלקע ווערט קראַנק, די „מוטער״ רופט אַ דאָקטאָר, וועלכער ברענגט מיט זיך אַ נוירס, און דאָס ליאַלקעלע ווערט באַהאַנדעלט ביז עס ווערט געזונט און גייט אַראָפּ פון בעט. נעבן קראַנקן־בעט אויף דער פּאָדלאָגע, זיצן קינ־דערלעך, חברים פון דער קראַנקער, פאַרזאָרגט און רעדן צווישן זיך וועגן דער קראַנקער. די קינדער, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אינם איינאַקטער, זיינען געווען: מתתיהו בן דוב בערקאָוויץ, אַלס דאָק־טאָר; יחיאל שחור (שוואַרץ), אין אַ פרויען ראָלע, אַלס מאַמע; חיה איש חדש (ניימאַן), אַלס קראַנקן שוועסטער; דרורי שחור (שוואַרץ), אַלס די בייבי; זאב בערקאָוויץ און חיים ניימאַן, אַלס חברים פון דער קראַנקער. דעם זעלבן אָוונט איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָנצערט, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען די אויבנדערמאָנטע קינדער, אין אַ העברעאישער איבערזעצונג „חנוכה געלט״ פון שלום עליכם, „עקדת יצחק״, אַ שיר פון הלל בבלי, „השד״, און אַ שיר פון אַ שטיינבערג.

די אויפפירונגען פון קינדער פאָרשטעלונגען אין העברעאיש זיי־נען געווען אַ גוטער מיטל זיי צו פאַראינטערעסירן און געבן אינספּי־ראַציע צו לערנען העבערעאיש. די קינדער־שפּילער זיינען שפּעטער אויפגעטראָטן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אין העברעאישע פאָר־לעזונגען און דעקלעמאַציעס. אייניקע פון די קינדער האָבן דערנאָך אָנטייל גענומען אין העברעאישע פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען אַראַנ־

זשירט געוואָרן פון די אַסאָשיאייטעד (פאַראייניקטע) תלמוד תורה'ס.
די אסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ס אין פילאַדעלפיע באַשטייט פון אַ גרופע דערציאונגס אנשטאַלטן פון איינצלנע תלמוד תורה'ס אין פאַרשידענע געגנטן פון שטאָט, און אלע זיינען זיי אונטער דער אויפזיכט פון דער פילאַדעלפיער צדקה פעדעראציע פון וועמען זיי ווערן סובסידירט . 5)

אלס איינעם פון די פראקטישע מיטלען צו דערנענטערן דעם קינד צו אידישקייט און צו דער העברעאישער שפראך, האָט די פארוואלטונג פון צייט צו צייט אויך אויפגעפירט העברעאישע פאָרשטעלונגען צוגעפאַסט צו די גייסטיקע כחות פון קינדער. די ערשטע העברעאישע פאָרשטעלונג „בת יפתח", איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1926 אין דעם אוקראינער האָל, פרענקלין און בראון סטס. דאָס איז געווען אַ מאָנאָלאָג, געשריבן פון מ. פיינשטיין, איינער פון די לערער, פון דער נאָרטאיסטערן תלמוד תורה, פון דער אסאָשיאייטעד גרופע. אין דער אויפפירונג האָבן אָנטייל גענומען די קינדער פון יענער תלמוד תורה, אונטער דער השגחה פון אלחנן ירדן. צו דער דאָזיקער פאָרשטעלונג זיינען געקומען די עלטערן פון די קינדער פון דער אויבנדערמאָנטער שול און אויך איינע פריינט וואָס קענען העברעאיש.
אין 1929 איז אויפגעפירט געוואָרן אן איינאקטער, געשריבן פון

5) דער בודזשעט פון דער אסאָשיאייטעד גרופע האָט באטראָפן אין 1936 די סומע פון 92,211,00 דאלער. צו דער דאָזיקער סומע האָט די צדקה פעדעראציע צוגעטראָגן 68,000 דאלער, און די איבעריקע געלטער זענען אריינגעקומען פון שכר לימוד א. אז. וו. אַ קליינע טייל פון דעם געלט גייט אויך פאר דער אויפפירונג פון העברעאישע פאָרשטעלונגען. לויט דעם באריכט פון דירעקטאָר בען ראָזען געפינען זיך אין פילאדעלפיע 95 אידישע לערן־אנשטאלטן אין וועלכע עס גייען אַריין תלמוד תורהיס, ישיבות, זונטיק שולעס, וואָכן שולעס פון פארשידענע לערן סיסטעמען און אינסטיטוציעס. די פאראייניקטע תלמוד תורהיס, פאָלק שולן, ארבעטער רינג שולן, שולן פון דעם אינטערנאציאָנאלן אַרבעטער אָרדן און אויך עטליכע פריוואט חדרים פון מלמדים, וואָס זענען נאָך פארבליבן פון די אימיגראנטן יאָרן. צוזאמען געפינען זיך אין די אלע לערן אנשטאלטן 13,378 תלמידים. (פון אַ באריכט פון דירעקטאָר בען ראָזען, 1936).

דעם העברעאישן נאָוועליסט ש. ל. בלאַנק. דאָס איז געווען אַ חנוכה פאָרשטעלונג, אין וועלכער עס ווערט דערציילט ווי אַזוי די אידן אין ירושלים קעמפן קעגן די יוונים און קומען ארויס די זיגער. די דאָזיקע אונטערנעמונג איז געגעבן געוואָרן אין דעם עדיוקיישאָנאַל צענטער נומער 2. — אַ פּורים פאָרשטעלונג „בימים ההם" פון דעם זעלביקן שרייבער, איז געשפּילט געוואָרן אויך אין דעם זעלבן עדיוקיישאָנאַל צענטער אין יאָר 1931. — „התחרות", אַן איינאַקטער פאָרשטעלונג, געשריבן פון דר. א. הענדלמאַן, פּרינציפּאַל פון דעם עדיוקיישאָנאַל צענטער נומער 1, 5טע און מאַר גאַס, איז אויפגעפירט געוואָרן אין יאָר 1930.

צו דעם 800טן געבורטס־יאָר פון רמב"ם, האָט א. מארגאָלים אָנ־געשריבן אַ קינדער פּיעסע אין העברעאיש, אונטער דעם נאָמען „חיי משה בן מיימון". דער יונגערמאַן מארגאָלים, איז אַ בן ארץ־ישראל, אַ חוץ דעם וואָס ער איז באהאוונט אין דער העברעאישער שפּראַך איז ער אויך אַ געניטער טעאַטראַל. ער איז איינער פון דער טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אין שווארצ'ס קונסט־טעאַטער. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן פון די תלמידים פון דער העברעאישער הויך שול אין דעם דאַון טאַון אידישן צענטער, אונטער דער רעזשי פון מחבר א. מארגאָלים.

דער פאַקולטעט פון די אַסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ס האָט בשותפות אָנגעשריבן אַ העברעאישע פּיעסע אין וועלכער אדאָלף היטלער איז געווען די הויפּט פיגור. די דאָזיקע ארבעט איז געווען אונטער דער אויפפיר פון דעם לערער שמואל לייב בלאַנק.

בלאַנק האָט שפּעטער אויך אָנגעשריבן אַ חזיון, „היהודי הנצחי", אין וועלכן מען דערזעט די גרויזאַמע אידן־פארפאָלגונגען אין אַלע צייטן. דער חזיון הויבט זיך אָן מיט נבוכדנצר'ן, וועלכער פאַר־טרייבט די אידן קיין בבל, גייט אַדורך די עפּאָכן פון המן, טיטוס, טאָרקוועמאַדאָ, און קומט צו דער איצטיקער צייט פון גרעסטן פאַר־פאָלגער, אדאָלף היטלער.

דער „אייביקער איד" (היהודי הנצחי) ווערט פערזאָנפיצירט אין דעם געשטאַלט פון אַן אָרעמען, אָפּגעריסענעם אידן וואָס טראָגט זיך ארום מיט דער תורה און געפינט דארין זיין פולשטענדיקע באַשיצונג.

און זיכערונג. אין פראָלאָג דערהערט זיך דער בת קול קומען פון א חורבה: „אוי לו לבן שגלה מעל שלחן אביו", (ווי צום קינד וואָס איז פארטריבן פון טאטנס טיש). דער חזיון ברענגט אויך ארויס די ליכטיקע פערזענליכקייטן אונזערע ווי, משה רבנו, ישעיה הנביא, ירמיהו הנביא, יוחנן בן זכאי, דון יצחק אברבאנל, דער בעל שם טוב, דער ווילנער גאון, דר. הרצל, אחד העם און חיים נחמן ביאליק.

שפילנדיק די ראָלן פון די דאָזיקע מענטשן, ווערט דאָס אידישע קינד דורכגענומען מיט דעם גייסט פון תנ"ך, מיט דער פעריאָדע אין וועלכער אונזערע חז"ל האָבן געלעבט ביז צו דער מאָדערנער צייט פון אונזערע גרויסע לערער און פירער. זייער אמוזירנט איז די סצענע ווען דער מלאך דומה רופט ארויס פון די קברים די אידישע פאר־פאָלגער און שטעלט זיי פאר איינס נאָך איינס פאר דעם מאָדערנעם המן. היטלער דערפרייט זיך גאָר מיט די דאָזיקע מענטשן. ווען נבובדנצר, המן, טאָרקוועמאַדאָ, דערציילן אים זייער ביטערן סוף, ווערט אדאָלף שטארק אויפגערעגט און זיין אויסגעשריי „חזוז ורעם" (דאנער וועטער), איז א קלאָגעדיקע אָנצוהערעניש, אַז דער בחור פילט זיך ניט מיט אלעמען.

טאָרקוועמאַדאָ דערציילט היטלערן אלסדינג, וואָס מען דענקט וועגן אים אויף יענער וועלט: „מאחורי הפרגוד שמעתי כי בפמליא של מעלה כבר נחתך גזר דינך למיתה משונה ומנוולת, ועזרת נשים צדקניות שבגן עדן, ארבעת האמהות של היהודי הנודד הזה: שרה, רבקה, רחל ולאה, כבר הכינו דגים של לביבת בשם „היטלריה", לאכלם בשמחות וגיל ביום מפלת היטלר מזרע עמלק (במועל פנים כלפי מעלה). ברשות רבותי וכל הטמאים והשחורים, בתור כהן לאלהי האש והכליון, בביכול לכבודו של איזה ישו מנצרת, הרינו מניח את כפי על ראשך, היטלר יקירי, ואומר בקול רם בדברי אחר מבני היהודי הזה, שמואל הנביא היה שמו: מחר אתה — בקבר!"

(פון הינטער דעם פאָרהאנג האָב איך געהערט, אַז די פמליא של מעלה האָט שוין לאנג באשטימט, אַז דו זאָלסט איינעמען א מיתה משונה. און מיט דער הילף פון די הייליקע ווייבער אין גן עדן, די באָבעס פון דעם דאָזיקן פארוואָגלטן אידן: שרה, רבקה, רחל און לאה, איז שוין לאנג אָנגעגרייט געהאקטע פיש צו פייערן דיין מפלה. זיי

רופן די פיש „היטלריה" צו עסן מיט פרייד אין דעם טאָג פון היט־לער'ס מפּלה. אינם נאָמען פון אַלע טמא און שווארצע חברה אלס כהן צום גאָט פון פייער און פארלענדונג, כביכול, צום כבוד פון יעזוס פון נצרת, לייג איך אַוועק מיינע הענט אויף דיין קאָפּ, טייערער היט־לער, און זאָג אויף אַ הויך קול, ווי דער אידישער נביא שמואל האָט געזאָגט: מאָרגן וועסטו ליגן אין קבר!)

נאָך דער פאָרשטעלונג קומט פאר אַ סצענע אין עמק יזרעאל אין אַ קבוצה, וואו די חלוצים און חלוצות זינגען נאציאָנאלע לידער. ווען דער מאָרגנשטערן אין מזרח גייט אויף, דערזעט זיך פון דער־ווייטנס דאָס אָנקומען פון דעם אייביקן אידן אין דעם אידישן גבול, זיין פּנים איז באלויכטן, ער קומט פּונקט ווען די חלוצים און חלוצות זינגען דעם שיר „תחזקנה ידי כל אחינו" און אנדערע לידער.

אין דער פאָרשטעלונג האָבן אָנטייל גענומען יהודית פּערל, מאיר פּאָרמאן, הערי מילדוואן, ראָבערט זאב, ראובן דאנאש, מנחם טיקטין, מארטן שווארץ, אלבערט זאמאנסקי, האָרייס קאַץ, לעאָנארד שאַץ, נאָר־מאן בארקאן, יודזשין סייווער, סירוס ניומן, פיליפּ זשיטאמיר, איז־ראעל זעליג, הערשל מעט, ווארען ליוויי, גרשון צוקין, מתתיהו בער־קאָוויץ, מילדרעד פּערל, נוגה בית־הלחמי. דאָס זיינען געווען תלמידים צווישן די יאָרן 18 און 21 פון דער העברעאישער הויך שול.

די דראמאטישע געזעלשאפטן זיינען אויך ניט הינטערשטעליק גע־בליבן בנוגע גאסט פאָרשטעלונגען. אין די ערשטע יאָרן פון דער אנט־וויקלונג פון טעאטער אין פילאדעלפיע האָבן די גאסט פאָרשטעלונ־גען געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אינם לעבן פון פילאדעלפיער אידן. די „קארפּן קעפּ" פון דער טעאטער פּראָפעסיע פלעגן זיך ארויסלאָזן פון נויאָרק אויף דער פּראָווינץ און מזכה זיין די אידן מיט דער אויפ־פירונג פון אידישע פּיעסן. קען מען אפשר אָננעמען פאר א סימן טוב דאָס וואָס די פּראָווינץ שטעט האָבן דערגרייכט צו דער מדרגה באהערט צו ווערן מיט א העברעאישער גאסט פאָרשטעלונג.

האָט פּאסירט אין דעצעמבער, 1936, ווען אין פילאדעלפיע איז פאָרגעקומען די 17טע ועידה (קאָנווענשאָן) פון דער הסתדרות עברית פון אמעריקע. דאָס איז געווען אַ וויכטיקע פּאסירונג אין דעם אי־דיש־נאציאָנאלן לעבן אין לאנד. אין פריערדיקע יאָרן איידער די

HEBREW "CHILDREN'S GROUPE". | העברעאישע „קינדער גרופּע".

ערשטע שורה: זאב בערקאָוויץ, חיים ניימאַן.
„פּאַציענט": דרורי שווארץ.
צווייטע שורה: יחיאל שווארץ, חיה ניימאַן, מתתיהו בערקאָוויץ.

דאָזיקע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיאַ, פלעגט די הסתדרות עברית אָפּהאַלטן אירע קאָנווענשאַנס אין דערזעלבער צייט מיט די קאָנווענשאַנס פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. די ועידות פון דער הסתדרות עברית פלעגן באַטראַכט ווערן פון די ציוניסטישע מאַסן, וועלכע האָבן ניט געקענט קיין העברעאיש ווי אַן אבר המדולדל, ווי אַ מין צוטשעפּעניש צו די ציוניסטישע קאָנווענשאַנס.

האָבן די מנהלים פון דער העברעאישער אָרגאַניזאַציע איינגעזען, אַז די הסתדרות איז שוין אַרויסגעוואַקסן פון די קינדער־וויקעלעך און איז שוין בכח צו שטיין אויף אירע אייגענע פיס. ווי עס איז די מאָדע ביי קאָנווענשאַנס פון די מערסטע אָרגאַניזאַציעס, איז די הנהלה תמיד מקדיש אַ טאָג אויף פאַרווייַלונגען און גיבן די דעלעגאַטן אַ געלעגנהייט זיך צו באַרויִקן פון דער נערוועזער און אויפגערעגטער שטימונג, וואָס הערשט תמיד אויף זייערע זיצונגען. האָבן ממילא אויך די פירער פון דער הסתדרות צוגעגרייט אַזאַ מין פאַרווייַלונג אין דער פאָרם פון אַ העברעאישער פאָרשטעלונג.

דורך אָנאָנסן אין די צייטונגען און צירקולאַרן האָבן די פירער מודיע געווען, אַז צו דער זיבצנטער קאָנווענשאָן וועט זיין אַ נייע אַטראַקציע; מ'וועט דאָרטן אויפפירן אין העברעאיש דאָס גרויסע געווינס, „עמך", פון שלום עליכם, איבערזעצט פון אידיש דורך י. ד. בערקאָוויטש.

דער באַקאַנטער שוישפּילער, בן ארי, פון דער „הבימה", האָט אָרגאַניזירט אַ טרופּע פון דילעטאַנטן אונטערן נאָמען „פרגוד" (פאָרהאַנג), און די דאָזיקע טרופּע האָט עס נאָך אַ מיזאַמער שטודיע פון גאַנצע פיר חדשים אויפגעפירט די פּיעסע.

באמת האָט די פרגוד־טרופּע ניט אויפגעפירט די גאַנצע פּיעסע, נאָר קוים דעם פּראָלאָג, און פאָרגעקומען איז עס זונטיק דעם זיבן און צוואַנציקסטן דעצעמבער, 1936, אין אָדיטאָריום פון דער קאָנגרעגיישאָן עדת ישורון, בראָד און דיימאָנד סטריט. בערך פינף הונדערט מענטשן האָבן צוגעזען די פאָרשטעלונג, און זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויפן שפּילן. דער עולם איז באַשטאַנען פון העברעאיש ריידנדיקע, איבערגעבליבענע פון אַמאָליקע העברעאישע געזעלשאַפטן, משכילים פון אַלטן דור און אַ גרויסע צאָל פון דער יוגנט, תלמידים

פון תלמוד תורה׳ס און די צוויי ישיבה׳ס — ישיבת משכן ישראל און ישיבת אהל משה.

די פּרגוד טרופּע איז באשטאַנען פון יונגע מענער און פרויען אין די יאָרן פון 18־20. העברעאיש האָבן זיי גערעדט מיט דער הברה הספרדית, וועלכע איז אגב געווען שווערליך פאַר די עלטערע משכילים. טאַקע דעריבער האָט דער רעזשיסער, בן ארי, פּרובירט אויסמיידן אַ גרויסן טייל פון דער „פּראָזע". למשל, ווען דער שניידער שימעלע סאַ־ראקער דערציילט זיינע ארבעטער וועגן דעם חלום, אַז ביי אים אין שטוב וואַקסט אַ בוים מיט גאָלדענע רענדלעך, האָט בן ארי אוועקגע־שעלט אויף דער בינע אַ בוים מיט „דנרי והב", כדי אויסצומיידן די מעשה פון חלום אין ווערטער.

די פאָרשטעלונג דאָ אין פילאדעלפיע, איז געווען די פּרעמיערע און שפּעטער מיט אַ חודש האָט די טרופּע אויפגעפירט די גאנצע פּיעסע אין נויאָרק. גאַנץ אָפט פלעגט אין פילאדעלפיע אויפגעפירט ווערן פּרע־מיערע פאָרשטעלונגען פון נייע פּיעסן אין אידיש. דירעקטאָרן פון נו־יאָרקער אידישע טעאטערס פלעגן קומען אהער זען די ערשטע פאָרשטעלונגען און שפּעטער שפּילן די זעלבע פּיעסע אין נו־יאָרק. אומגעפער דאָס אייגענע האָט אויך געטאָן בן ארי מיט זיין פּרגוד אנסאמבל. ער האָט געוואָלט זען ווי אזוי די פּיעסע „עמך" וועט זיך איינגעבן אין פילאדעלפיע כדי שפּעטער זאָל די זעלבע פּיעסע געשפּילט ווערן אין נויאָרק.

מיט דעם שפּילן פון דער פּרגוד גרופּע האָט זיך ווידער ארויסגע־וויזן, אַז אברהם גאָלדפאַדען האָט געהאַט רעכט, אַז אמעריקע איז יאָ מסוגל צו אנטוויקלען אַ העברעאיש טעאטער. כמעט אין יעדער גרוי־סער שטאָט וואו די ציוניסטישע באוועגונג איז פארשפּרייט און וואו עס געפינען זיך תלמוד תורה׳ס און העברעאישע לערן־אנשטאלטן, ווערן אָרגאניזירט יוגנטלעכע גרופּעס וועלכע פירן אויף צו געוויסע אנגעלעגנהייטן צייטמעסיקע העברעאישע איינאקטערס.

דער פּרגוד" איז פארבליבן עקזיסטירן אַ לענגערע צייט אין נויאָרק. אין דער ציוניסטישער צייטונג „דאָס אידישע פאָלק" פון דריטן מערץ, 1939, געפינט זיך דער דאָזיקער אנאָנס:

„די העברעאיש־דראמאטישע סטודיאָ „פּרגוד" פון דער העברעאי־

"PARGOD" GROUPE

„פּרגוד" גרופּע



A SCENE OF "AMCHO"

א סצענע אין „עמך".

שער יוגנט אָרגאניזאציע מאכט באקאנט אַז זונטיק דעם נײַנצנטן מערץ, 1939, וועט זי אויפפירן אין העברעאיש הערשי סעקלער׳ס דריי אקטי־קע דראמע „החוזה״, ווי אויך י. ל. פרץ׳ס „אחרי ההלויה״. די אויפ־פירונג וועט פאָרקומען אין „מאסטערס אינסטיטוט טעאטער״, הונ־דערט דריטע גאס קאָרנער ריווערסייד דרייוו. אלע העברעער פון ניו יאָרק ווי אויך אלע פריינט פון העברעאישן טעאטער זיינען איינגעלאדן צו קומען.

פאָלגענדע זיינען געווען די משחקים פון דעם „פרגוד״ וועלכע האָבן געשפילט אין דער פיעסע „עמך״:

קופיל — — — — — — — — — — דוד טלזנר
מוטיל — — — — — — — — — — ש. גרינבערג

פועלים בבית שימלי

ביילקע בת־שימלי — — — — — — זהבה מיינער
עטי־מני, אשת שימלי — — — — — שרה קטלר
שימלי סורוקר, חיט — — — — — משה דייווים
סולומון פיין, רוק עשיר — — — — — מרדכי ופר
קולטון, סוכן על בתי סולומון — — משה עטנברג
פריל הקמחית — — — — — — — רחל גינזברג
סולובייטשיק, שדכן מודרני — — חיים דב שטיין
גודנטולר, נשיא הבנק — — — — — יוסף קסטר

אנשי כתרילובקה

פועלות בפרולוג — שרה הורביץ, גרשון אייזנברג, פנינה מילבר, שושנה פדר, שרה דון, דוד גולדווסר.

בן - ארי

גרינדער פון דער העברעאישער יוגנט גרופע „פרגוד".

BEN-ARI

Organizer of the Pargod Groupe.

זיבעטער קאַפּיטל

„ברוך ממגנצה" — היסטאָריש סימבאָלישע פּאָעמע פון שאול טשערניחובסקי, אויפגעפירט צו זיין זעכציקסטן געבורטס יאָר. — הײדעלבערג די שטאָט פאַר דיכטער און שרייבער. — די קרייץ־ציגלער אין זיד דייטשלאַנד. — טשערניחובסקי פאַרקערפּערט די אידישע צרות אין א מטורף. — דער קונטרס פון ר' אליעזר בר נתן הלוי. — א. ל. בערקאָוויץ פירט אויף די פּאָעמע אין דער היברו ליטעראַטור סאָסייעטי. — ער שפּילט די הויפּט ראָלע פון „ברוך ממגנצה".

שאול טשערניחובסקי האָט געשריבן זיין באַרימטע פּאָעמע, „ברוך ממגנצה" (ברוך פון דער שטאָדט מאַינץ) אין הײדעלבערג, דייטשלאַנד, אין יאָר 1902. אין יענער צייט זיינען אויך דערשינען פון אים אנ־דערע שירים אין דייטשלאַנד. 1)

משמעות, אז טשערניחובסקי האָט א לענגערע צייט פאַרבראַכט אין זיד־דייטשלאַנד, און טאקע דאָרטן געשאַפן גאָר א סך פון זיינע בעסטע ווערק. הײדעלבערג איז געווען אן אידעאַלער אָרט פאַר אונ־זערע דיכטער. יענער געגנט וואו ווייך־סאַמעטענע ווינטעלעך שוועבן ארום אויף די בוימער פון אָדענוואַלט און פּאַרפיומען־ריחות צוגיסן זיך פון די גראָזן אויף די גרינע לאָנקעס, האָט עס באַרואיקט דעם געמיט און געגעבן שאַפונגס־כח צו אונזער דיכטער. די רואיקע וואַסערן פון דעם נעקאַר האָבן בלי ספק אים געגעבן די אינספּיראַציע צו שאַפן אַזעלכע קינסטלעריש־פולשטענדיקע פּאָעמעס ווי „בורך ממגנצה", „מוצאי שבת", „לביבות מבשלות", און אנדערע.

אין יענעם גאָט געבענשטן געגנט האָט עס זיך אין עלפטן יאָרהונ־דערט אויסגעגאָסן דער צאָרן אויף אונזערע קעפּ. די קרייץ־ציגלער האָבן דערקלערט קריג דעם אידן, און אין נאָמען פון זייער קריסטליכער אמונה אויסגעקוילעט טויזנטער אידישע משפחות אין די שטעדט און

---

1) שירים שאול טשערניחובסקי מהדרה חמישית, לייפּציג, תרפ"ט.

שטעדטלעך ארום די טייכן רהיין, נעקאר, מאזעל, און מאין. 2) ווי עס זעט אויס האָט טשערניחובסקי גענומען דעם מאטעריאל פאר דער דאָזיקער פּאָעמע פון דער געשיכטלעכער פּאסירונג מיט דעם הויפּט־לינג עמעריך פאָן לייניגגען, וועלכער איז אריין אין מאינץ מיט זיין אויפגעהעצטער באנדע און אויסגעקוילעט דרייצן הונדערט אידן. די דאָזיקע אידן זיינען פון קארדינאל פאָן ראטארד, א קרוב צום שר הטבחים עמעריך, פארנארט געוואָרן צו זיך אין שלאָס אריין. דער קארדינאל האָט זיי צוגעזאָגט שוץ און זיכערקייט, און די אידן האָבן אים געגלויבט און מיט זיך אהינגעבראכט גאָר זייער פארמעגן. דער קארדינאל האָט זיי אָבער פארראטן, און דאָס אידישע האָב און גוטס צוטיילט צווישן זיך און די עמעריך באנדע. 3)

פּראָפעסאָר גרעץ דערציילט דעם דאָזיקן פאקט:

„זייער ווייניק זיינען געווען די וואָס האָבן אָנגענומען דעם קריסט־לעכן גלויבן, און די וואָס האָבן עס יאָ געטאָן, האָבן מתכון געווען בלויז עד שיעבור זעם, בלויז לפּנים וועגן כדי זיך צו ראטעווען דאָס לעבן. צווישן די דאָזיקע אנוסים זיינען אויך געווען מר אוריה און מר יצחק, דער פרנס פון מאינץ, און תיכף נאָך דער הריגה האָבן זיי פארפלאנעוועט צו נעמען נקמה און צו שטארבן על קידוש השם.

„ערב שבועות תתנ״ו (1056), האָט מר יצחק געקוילעט זיינע צוויי טעכטער, וועלכע ער האָט פריער אונטער צוואנג אָפּגע׳שמדט, און זייערע קערפּערס פארברענט. אָפּגעטאָן דאָס דאָזיקע, איז ער צוזאמען מיט מר אוריה אוועק אין דער שטאָדטישער שול, זיך איינגעוויקלט אין די ספרי תורות ביים אָפּענעם ארון קודש, און זיך מיט אלץ אנאנ־דער אינטערגעצונדן. דער פייער האָט זיך גאָר גיך פאנאנדערגעפלאקערט און צעשפּרייט איבער אלע ווינקעלעך פון שטאָדט און געמאכט א בארג מיט אש פון אלע קריסטלעכע הייזער.״

2) גרעץ, „דברי ימי ישראל״, חלק רביעי, עתקת שפ״ר, ווארשע, 1294.

3) דאָס מאטעריאל וועגן די הריגות האָט פּראָפ. גרעץ גענומען פון "קונטרס גזרת תתנ״ו", וואָס ר׳ אליעזר ברי נתן הלוי (הראב״ן), א בן דור פון יענער צייט, האָט געשריבן, און אויך פון די קינהיס וואָס די פּייטנים האָבן דאמאָלסט פארפאסט. (ר׳ דוד בן־משלם. סליחה: אלהים, אל־דמי לדמי.)

די דאָזיקע געשיכטלעכע פּאַסירונג איז סימבאָליסטיש פאַרקער־פערט אין טשערניחובסקי׳ס פּאָעמע „ברוך ממגנצה״. די פאקטן ביי טשערניחובסקין זיינען אָבער ניט די זעלבע ווי זיי ווערן אָנגעגעבן אין דעם „קונטרס הראב״ן״, פון וואנען גרעץ האָט די פּאַסירונג אנט־נומען. ביי גרעץ׳ן איז דער נאָמען פון מארטירער יצחק, און ביי טשער־ניחובסקין הייסט ער גאָר ברוך. ביי גרעץ׳ן קומט פאָר די שרפה אין דער שטאָדטישער שול און יצחק מיט אוריה ווערן דאָרטן פארברענט, בעת לויט טשערניחובסקי׳ן קומט גאָר אויס, אז ברוך צינדט אונטער דעם מאָנאסטיר אין וועלכן מען האָט אים אָפּגע׳שמדט. 4)

מען טאָר אָבער ניט מדקדק זיין אויף אזעלכע סתירות, ווייל דעם דיכטער איז תמיד דערלויבט אָפּצונויגן פון די רעאַלע פאקטן און זיך אַוועקצולאָזן אויף די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע.

זונטיק דעם איין און צוואנציקסטן מאי, 1936, האָט די „מחנה משה העם״, אן אָרגאַניזאציע צונויפגעשטעלט על פי רוב פון משכילים און העברעער, געפראוועט א יום טוב לכבוד דעם זעכציקסטן געבורט פון שאול טשערניחובסקי. דער אוונט איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער געביידע פון די היברו ליטעראטור סאָסייעטי. דער יושב ראש, לואיס ראָזען, האָט געגעבן אן איבערבליק איבער די שאפונגען פונם בעל היובל, און אויך דערמאָנט דעם פארלוסט אין יענעם יאָר פון נחום סאָקאָלאָוו און פּראָפעסאָר ריטשארד גאטהייל.

אין פּראָגראם האָבן זיך באטייליקט: קלמן וויטמאן מיט אן אָפּ־האנדלונג אין העברעאיש איבער דעם מצב פון אידישער דערציאונג

---

4) די מעשה מיט די צוויי טעכטער וועמען זייער פאָטער מר יצחק ברי דוד הפרנס האָט געקוילעט ווערט דאָרט דערציילט בזה הלשון: „בין הנטבלים היו שני חסידים מר אוריה ומר יצחק. לזה האחרון היו שתי בנות וגם הן עם אביהן נטבלו ביום הרעש בעל כרחן. וממכשול לב ונחם, החלטו למות במיתה משונה מיתת אדירי אמונה גיבורי הרוח! ביום ערב שבועות שחט מר יצחק ברי דוד הפרנס שתי בנותיו עמל והצית אש בביתו ומיד הלך מר אוריה עמו לבית הכנסת לפני ארון הקודש ויציתו אש וימותו שניהם לפני ה׳, כי נשרפו שם בלב שלום, והתבערה הזאת יצאה ותאכל בבתי העיר מאינץ ורוב בתי הנוצרים נהפכו גם המה לאפר.״

אין לאנד; ש. ל. בלאנק מיט א רעפעראט איבער טשרניחובסקי׳ס סגנון; גדליה שיינפעלד מיט לידער פון בעל היובל אין דער אידישער איבערזעצונג פון אברהם לייב בערקאָוויץ; און אידישע לידער פון דוד ב. טירקעל צו וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר גדליה ראבינאָוויץ האָט געשריבן די מוזיק.

אין צווייטן טייל פון פּראָגראם איז געווען די אויפפירונג פון „ברוך ממגנצה״, דראמאטיזירט און געשפּילט פון אברהם לייב בערקאָוויץ, א געוועזענער חבר פון „הבימה העברית״ און „העברי הצעיר״.

די בינע האָט פאָרגעשטעלט א בית עולם מיט לאנגע שורות פרישע קברים. בערקאָוויץ (ברוך), פארשטעלט ווי א מאָנאך, א מטורף, וואנדלט ארום צווישן די קברים און געפינט דאָרטן דעם קבר פון זיין פרוי, וועלכע איז אומגעקומען על קידוש השם דורך די הענט פון עמעריך׳ס באנדע גזלנים. ער בלייבט פארווירט און מטושטש. טרערן רייסן זיך פון זיינע אויגן, און ער שרייט אוים מיט וויי: פה הקברים, פה גם קברך! ער דערציילט דאמאלט ווי מען האָט ערשט מיט דריי טעג פריער צו־נויפגענומען די קדושים און זיי דאָ מקבר געווען:

פֹּה נִקְבַּרְתְּ גַּם אַתְּ, יוֹנָתִי!
הָהּ, גַּם צִיּוּן אַיִן — — —
אַךְ מְצָאתִיךְ... אָנֹכִי בָּאתִי
בְּכָל תְּשׁוּרֵנִי עָיִן.

אָט דאָ ביסטו באַגראָבן, מיין טייערע!
קיין צייכן איז אויף דיין קבר ניטאָ...
אָבער איך האָב דיך געפונען...
קיין מענטשנ׳ס אויג האָט מיך ניט געזען.

ברוך איז א גייסטיקער מת. ער האָט זיך גע׳שמדט און מחלל השם געווען, פארשוועכט גאָט׳ס נאָמען, אָבער זיינע צוויי טעכטער, מרים און צפּורה, האָט ער מציל געווען. אליין, מיט די אייגענע הענט, האָט ער זיי געקוילעט און ניט אָפּגעטראָטן ביז יעדער טראָפּן בלוט איז אָפּגערונען.

„א נייעם גאָט האָבן זיי מיר געגעבן — טענה׳ט ברוך איבערן קבר — א פרעמדן גאָט, וועמענס אמונה איך האָב קיינמאָל ניט געקענט. שטומע אָפּגעטער, קאַלטע סטאַטועז אויסגעשטעלט אויף די ווענט, קוקן זיי צו מיר מיט לעכער אין די אויגן, קוקן און זעען ניט ווי מיין

3/14/1929

שאול טשרניחובסקי

אויף א קבלת פנים וואס די פילאדעלפיער אידישע קהלה
האט פאר אים געגעבן אין מערץ, 1929.

SAUL CHERNICHOVSKY
Famous Hebrew Poet.

זעל לעבצט און רייסט זיך צום אל צבאות. וארשתיך לי לעולם — צו דיר, גאָט, בין איך פאַר׳קנס׳ט, אויף אייביקע אייביגקייטן פאַר׳קנס׳ט!״

און ברוך פאַרהילט זיך טיפער אין זיין שוואַרצן גלחשן מאַנטל, און גיסט דאָרטן אויפן קבר פון זיין פרוי אויס זיין פאַרביטערט האַרץ. ער דערמאָנט זיך אין די יאָרן ווען זיי האָבן ביידע געבליט ווי די יונגע רויזן און געשטראַלט ווי די זון אין פרילינג, און פון זיין מויל רייסט זיך אַרויס אַ גרויזאַמע קללה:

אָרוּר אַתָּה, גּוֹי אַכְזָרִי!
אָרוּר יִהְיֶה שִׁמְךָ
לְעוֹלְמֵי־עַד, וּמְאֵרַת־עֶלְיוֹן
תָּלִין נֶצַח עִמְּךָ!

פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן,
גרויזאַם פאָלק!
פאַרשאָלטן זאָל ווערן דיין
נאָמען אויף אייביק.
דעם אויבערשטנס קללה זאָל
תמיד מיט דיר בלייבן!

און די קללה איז אַ לאַנגע, אַ ביטערע, אַ תוכחה אַ גאַנצע אויף דעם קאָפּ פון די דייטשישע מערדערס.

דּוֹר יְסַפֵּר לַדּוֹר:
יֵשׁ יְלִידֵי הַבּוֹר,
גָּלְמֵי פַּחַד מִמְּעָרוֹת אַשְׁמַנִּים;
וְהֵם צְמֵאִים לְדָם,
לִדְמֵי אָדָם, הַנָּם
שְׁנַת תְּמִימִים, תַּרְדֵּמַת־שַׁאֲנַנִּים.

„איין דור וועט דערציילן דעם
צווייטן דור:
אויף דער וועלט זיינען דאָ
געבוירענע אין אַ גרוב,
פייגלינג — אידיאָטן אין
וויסטע היילן.
זיי דורשטן נאָך בלוט, פון
אידעלע מענטשן וואָס
שלאָפן אַרואיקן שלאָף.״

ברוך ווערט באַהערשט פונם נקמה־געפיל, און שרייט אויס:

„אָה, ווען דו וואָלסט נאָר געקענט אויפשטיין פון קבר, וואָלטן מיר נאַכט נאָך נאַכט געגאַנגען איבער די קברים פון די קדושים און מיר וואָלטן די מערדער דערטרונקען אין אונזערע טרערן. מיר וואָלטן זיך נוקם געווען פאַרן בלוט וואָס זיי האָבן אומזיסט און אומנישט פאַרגאָסן, פאַר די שאַנד פון אונזערע ווייבער און טעכטער, פאַר די טויזנטער קברים וואָס זיי האָבן אָנגעפּלויט מיט אונזערע יונגע עופה׳לעך,

פאר די האפענונגען וואס זיינען אזוי אומ'ברחמנות'דיק אראפגע־שווענקט געווארן ווי דער וואסער פון א וואלקן־בראך."

ברוך דערציילט דא ווי ער האט זיך נוקם געווען אן די פייניקער און אויפגעמאנט דעם חוב פאר דעם אומשולדיק פארגאסענעם בלוט:

„א פארטרויערטער בין איך געזעסן אין אויבערשטיבל פון מאנאס־טיר, אליין אין דער שטילקייט און איינזאמקייט בין איך געזעסן און מיין הארץ האט זיך געריסן צו דער שטים פון גאט. נעבן דער געטשקע האט געברענט א ליכט, וואס האט געצונדן מיין מח און געברענט מיט נקמה. גאט אליין האט מיר דאס דאזיקע ליכט צוגעשיקט, ווי טויזנטער זונען האט דער קנויט געלויכטן, און פייער־כוואליעס האבן ארומגע־נומען מיין קערפער. פון מיינע קליידער האב איך א הויפן געמאכט, דעם הויפן מיטן בוימל באגאסן און דאס ברענענדיקע ליכט ארויפגע־ווארפן. דאס פייער האט זיך צעשפרייט, דורך די ווענט זיך דורכגע־ריסן, דעם קלויסטער פארצערט און די הייזער פארוויסטעט.

„און איך לויף איבער די גאסן און זע: מיינע שונאים פארגיסן טרערן, רייסן אויף זיך די קליידער, ברעכן מיט פארצווייפלונג די הענט, און קינדער צאפלען זיך אין טרעשטשענדיקע פלאמען. א פרייד כאפט מיך ארום, מיין הארץ שעפט נחת פון טייפלשן ספעקטאקל. אויך אונזערע קינדער זיינען פארצוקט געווארן, צוויי בליענדיקע טעכ־טער, יונג, ריין און אומשולדיק זיינען זיי געווען, הייליקע קרבנות זיי־נען זיי געווען, קרבנות אויפן מזבח פון קדשי קדשים."

ברוך פארענדיקט:

„נו, טייערע מיינע, וואס ליגסטו דא אין פינסטערן גרוב? קום ארויף אויף דער ליכטיקער וועלט, קום צו אונזערע טעכטער די היי־ליקע קרבנות, זיי ווארטן אויף אונז, מיט געזאנג און טענץ וועלן זיי אונז אויפנעמען. קום, שטיי אויף!..."

דער אוונט איז געווען איינער פון די סאמע דערפאלגרייכסטע אונ־טערנעמונגען ביי אונז אין שטאדט, און די „מחנה משה העם" איז שטארק געלויבט געווארן. אברהם לייב בערקאוויץ, וועלכער האט איינער אליין דורכגעפירט די גאנצע זייער געלונגענע פארשטעלונג, איז ממש באשאטן געווארן מיט אפלאדיסמענטן.

קיין בעסערן אינהאלט פאר דער טשרניחובסקי פייערונג, האָט די אָרגאַניזאַציע ניט געקענט אויסקלייבן. טשרניחובסקי אַליין האָט דאַמאָלט דורכגעלעבט די אומרואיקע יאָרן אין ארץ ישראל, און זיין גייסט און וועזן איז געווען פארטונקען אין די אידישע צרות. ברוך פון מאינץ, דער קדוש פון מיט ניין הונדערט יאָר צוריק, האָט רעפלעקטירט אויף די קדושים און גבורים פון דער איצטיקער צייט.

בערקאָוויץ האָט גרינטלעך געמאָלן ברוך'ן דעם מטורף, און אַליין ווי דורכגעלעבט די טראַגעדיע. ער האָט די ראָל דורכגעפירט מיט געפיל און טאַקט, מיט דער געהעריקער ערנסקייט וואָס זי האָט געפאָדערט. דער עולם וואָס האָט פארשטאַנען די העברעאישע שפראך, האָט מיטגעפילט דעם צער און ווייטיק פון יענע מורא'דיקע טעג.

אברהם ליב בערקאָוויץ
אין דער ראָלע פון „ברוך ממגנצה".

A. L. BERKOWITZ
"The Monk", in Baruch of Mayence.

אכטער קאפיטל

מאָריס שווארץ דעבוטירט אויף דער יוגנטלעכער בינע.— טרעט אויף אלס יונגער בחור אין דער ראָל פון א 60־יאָריקן אידן.—לעאָ לארגמאן אַנגאַזשירט אים אַלס פּראָפעסיאָנאלער אַקטיאָר.—ערשטע עטלעכע שורות געשריבן וועגן שווארצן אין א פילאדעלפיער צייטונג.—הויבט אָן שפּילן אויף דער העברעאישער בינע אין ארץ ישראל.— האָט בדעה צו גרינדן א העברעאישן טעאטער אין אמעריקא.—

צווישן די תלמידים פון די דראמאטישע קלובן האָבן זיך געפונען עילויים וועלכע זיינען מיט דער צייט באריםט געוואָרן מיט זייער חריפות און לימוד אין דער דראמאטישער קונסט. זיי זיינען געווען אינגלאך מיט אומגעוועגלעכע פייאיגקייטן זיך צו פארטיפן אינם לעבן פון העלד וועמעס ראָל זיי האָבן געלערנט. דאָס זיינען געווען מתמידים מיט א כוח הדמיון אויפצוכאפּן די קלענסטע קלייניגקייט אין לעבן פון דער געזעלשאפט און זיך מצמצם זיין מיט דעם גוף און דער נשמה אינם כאראקטער פון דעם העלד.

וועל איך אויסקלייבן אלס א מוסטער־מיטגליד פון די אידיש־העברעאישע יוגנטלעכע טעאטער געזעלשאפטן, א מענטשן וועלכער האָט זיך איצטער דערהויבן צו דער מדרגה פון דעם „ארי שבחבירה" אין דער טעאטער פּראָפעסיע. מאָרים שווארץ'ן האָט די השגחה באשאָנקען מיט אלע אייגענשאפטן וואָס א טעאטראל דארף באזיצן צו ווערן גרויס אין דער דראמאטישער קונסט. ער איז ארויסגעקומען פון דער יוגנטלעכער געזעלשאפט מיט אן „אטעסטאט" וואָס איז אנערקענט געוואָרן כמעט אין יעדן ווינקל פון דער גרויסער וועלט וואו ס'וואוינען אידן און וואו אידיש ווערט גערעט.

מאָרים שווארץ האָט תמיד הנאה ווען עס קומט אים אוים צו ריידן וועגן זיין יוגנטלעכער טעאטער קאריערע. זיין אינגלישע פאנטאזיע פארטראָגט אים אין די יאָרן ווען ער איז געווען א מיטגליד אין דעם

„דילענסי סטריט דראמאטק קלוב" און ווען ער האָט דעבוטירט אויף דער יוגנטלעכער בינע אין טיוטאָניק האָל, אין ברוקלין, נויאָרק. די מיטגלידער פון קלוב האָבן — לערך אין דעם יאָר 1905 — זיך אונטער־גענומען צו שפּילן „די רויבער" פון שילער. א גאַנץ יאָר האָט מען פאַרבראַכט צו שטודירען די פּיעסע און צו מאַכען פּראָבע, אָבער צו שפּילן „די רויבער" האָט זיך די אַמאַטאָרן ניט איינגעגעבן.

האָט די „דילענסי סטריט געזעלשאַפט" אַראָפּגענידערט פון איר „הויכן" פּעדעסטאַל און האָט זיך גענומען צו זאַלאַטאַרעווסקי'ס א פּיעסע מיטן נאָמען „דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט, אָדער חורבן קישענעוו". די דאָזיקע פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרען אין דער אויבענדערמאָנטער „טיוטאָניק האָל". שווארץ איז דאַמאָלט געווען א יונגער בחור און מען האָט אים מכבד געווען צו שפּילען די ראָל פון א אידן פון 60 יאָר. א שיינער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן בא דעם יונגן אַמאַטאָר. ער האָט מיט אַמאָל דערפילט די אחריות פון אן אמת'ן אַקטיאָר און ער האָט זיך געסטאַרעט דורכצולעבען אין זיין ראָל די מאָמענטען פון אן אַלטען מענטשן.

יענעם אווענט האָט זיך געפונען אין זאַל לעאָ לאַרגמאַן, א טעאַטראַל, וועלכער פלעגט אַרומפאָרן אויף דער פּראָווינץ מיט אידישע טרופּעס. דאָס שפּילן פון מאָרים שווארץ איז לאַרגמאַנען געפעלן געוואָרן און ער האָט אים טאַקע יענעם אוונט אנגאַזשירט אלס פּראָפעסיאָנאַלן אַקטיאָר צו שפּילען אין באַלטימאָר. לאַרגמאַן האָט אויך פאַרבראַכט א פּאָר יאָר מיט זיין טרופּע אין סינסינעטי, אין שיקאַגאָ, און אין 1908 האָט ער געבראַכט מאָרים שווארץ'ן קיין פילאַדעלפיע, וואו מאַקס טאָמאַ־שעפסקי האָט אָנגעפירט דעם „ניו קאָלומביא טעאַטער", אויף דער 3טער גאַס נעבן גרין.

דער „ניו קאָלומביא טעאַטער" האָט אָנגעהאַלטן אלס אידיש טעאַ־טער פון 1903 ביז 1908. דעם 14טן אויגוסט, יענעם יאָר, האָט מאַקס טאָמאַשעפסקי געעפענט דעם סעזאָן אין קאָלומביא טעאַטער מיט דער פּיעסע „חכמות נשים" פון פּראָפעסאָר הורוויץ. די טרופּע איז דאַמאָלט באַשטאַנען פון סעם קעסטין, אַנשעל שאָר, יעטא שאָר, מאָרים זאַנגער, טשאַרלז נאַטאַנסאָן, מאַדאַם נאַטאַנסאָן, יעטא בלאַק, פעני טאָמאַשעפס־קי, מאַדאַם קעסטין, יצחק בליפעלד, מר. מאַרגאָלים און יעקב שווארץ.

דער דאָזיקער יונגער אַקטיאָר יעקב שווארץ איז קראַנק געוואָרן איידער דער טעאַטער האָט זיך געעפֿענט יענעם סעזאָן. מאָריס שווארץ, וועל־כער איז געווען א נייער מענטש אין פֿילאַדעפֿיע, איז געוואָרן נייגעריג צו קענען זיינעם א בן־שם און ער איז געגאַנגען מבקר חולה זיין דעם געפֿערליכן חולה, וועלכער איז אין עטלעכע טעג ארום (דעם 16טן אוי־גוסט 1908) געשטאָרבן אין פּאָליקליניק האָספּיטאַל אין עלטער פֿון 25 יאָר. ער איז באַערדיגט געוואָרען אויף דעם הר נבו בית עולם.

מאַקס טאָמאַשעפסקי האָט ניט פֿאַרלוירן קיין צייט און האָט באַלד אַנגאַזשירט מאָרים שווארץ צו שפּילן די ראָלן פֿון פֿאַרשטאָרבענעם אַק־טיאָר יעקב שווארץ. דער רעפּערטואַר יענעם סעזאָן אין קאָלומביא טעאַטער איז באַשטאַנען מערסטנס פֿון פּאָפּולערע מעלאָדראַמעס פֿון די דראַמאַ־טורגען פֿון יענער צייט: פּראָפֿעסאָר הורוויץ, יאָזעף לאַטיינער, משה זייפֿערט, נ. ראַקאָוו, ווי אויך איבערזעצונגען דורך אַנשעל שאָר, וועלכער האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף דעם אידישען טעאַטער אין פֿילאַדעלפֿיע צו ווערן א שותף מיט מאַקס טאָמאַשעפסקי. האָט געטראָפֿן אַז יענעם סעזאָן האָט די טעאַטער וועלט אויפגעשטורעמט מיט א סענסאַציאָנעלער פּיעסע וואָס אַן אונגארישער דראַמאַטורג, פֿראַנץ מאָלנאַר, האָט אָנגע־שריבן. די פּיעסע האָט געהייסען „דער טײַפעל" און איז געשפּילט גע־וואָרן אין די וויכטיגסטע אמעריקאַנער טעאַטערס איבערן לאַנד. דער זייער וואַכענדעקער טעאַטראַל, אַנשעל שאָר, האָט באַלד איבערגעזעצט די פּיעסע אין אידיש און איר דערלאַנגט דעם פֿילאַדעלפֿיער עולם אויף דער בינע אין קאָלומביא טעאַטער.

דער אינהאַלט פֿון דער פּיעסע איז אַפֿילו אַן אַלטער; דאָס איז א קאַמפּף פֿון די אינערלעכע מענטשלעכע געפֿילן וואָס ליגן פֿאַרבאָרגן אין דער נשמה; די לוסט פֿון א מענטשן צו דערגרייכן דאָס וואָס איז ווייט פֿון אים; צו געניסן פֿון דער פֿאַרבאָטענער פֿרוכט צו וועלכער עס איז אים שווער צוצוקומען; צו פֿאַרשוועכן דאָס וואָס איז בא זיין חבר איז הייליג און טייער. א קאַמפּף צווישן דעם יצר הרע און דעם יצר טוב, און עס קומט דער יצר הרע—דער טײַפעל—און איז גובר דעם יצר טוב. טשאַרלז נאַטאַנסאָן האָט געשפּילט די פּסיכאָלאָגישע ראָלע פֿון דעם כיטרען, פֿאַר־דאָרבענעם דר. מילער, דער טײַפעל, און די ראָל פֿון קאַרל מאָלער, דעם

נאאיוון, געטרייעם ליבהאבער פון זיין געליבטער אַלגא (מרס. נאטאנ־סאָן) האָט געשפּילט מאַרים שוואַרץ.

אין אינטעליגענטער עולם איז געקומען זען ווי דער טיפל ווערט געשפּילט אין אידיש. א צאָל פון די באזוכער האָבן געזען שפּילן די פּיעסע אין דעם „וואַיט לאַיט דיסטריקט," אין די ענגלישע טעאטערס. זיי האָבן געוואָלט פארגלייכן אויף ווי ווייט א אידישער אקטיאָר איז פעהיק ארויסצוברייננגען די כאראקטערן פון די ראָלן פון א מאָדערנער פּיעסע. דאָס אויג פון די צושויער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אַרט שפּילן פון מאַרים שוואַרץ. עפּעס א ניי־מאָדנער יונגערמאַן אויף דער בינע און ווי גוט ער פארשטייט „די מלאכה". מענטשן האָבן באַוואונדערט זיין טאַלאַנט און אַנדערע האָבן אפילו אויסגעדריקט א מיי־נונג וועגען זיין צוקונפט, אלס קינסטלער שוישפּילער.

פרייטאג דעם 2טן אָקטאָבער, 1908, איז דערשינען אן איבערבליק איבער דער פּיעסע פון „קריטיקוס", 1) אין „פילאדעלפיא אמעריקאַן" וועגען דעם אַרט שפּילן פון דער טרופּע. אין דעם טעאטער ארטיקל ווערט געזאָגט: „מר. שוואַרץ, אלס קאַרל דער קינסטלער, האָט געשפּילט מיט פיעל פייער און איבערגעבענקייט. דיזער יונגער שוישפּילער צייגט ארויס מערקווירדיגע פיאיגקייטן אויף דער בינע און עס איז פון אים צו ערווארטען זער פיל אין דער צוקונפט". דאָס זיינען געווען די ערשטע עטלעכע שורות וואָס עס איז געשריבן געוואָרען פאר שוואַרץ'ן אין א צייטונג.

אויף ימים טובים, דעם זעלבן סעזאָן האָט מאקס טאָמאשעפסקי, פארלאָזט דעם קאָלומביא טעאטער און זיך אריינגעצויגן אין ארטש סטריט טעאטער, 6טע און ארטש סטס. מאַרים שוואַרץ איז דאָרט פאר־בליבן שפּילן און האָט זיך דערוואָרבן א גרויסע צאָל פריינט און פאר־עהרער אין פילאדעלפיע צווישן פּראָפעסיאָנאַלן און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן באוואונדערט זיין טאַלאַנט אלס שוישפּילער. די טעאטער קריטיקער האָבן אין אים דערקענט דעם צוקונפטיקן קינסטלער אויף דער

---

1) דוד בער טירקעל.

מאָרים שוואַרץ

האָט דעבוטירט אויף דער יוגנטלעכער בינע.

MAURICE SCHWARTZ

Founder of the Yiddish Art Theatre.

אידישער בינע און האָבן פּאָראויס געזאָגט זיין ערפאָלג אויף דעם געביט פון טעאַטער קונסט.

אין 1926 ווען די הבימה טרופּע איז געקומען פון רוסלאַנד און האָט דאָ אויפגעפירט איר העברעאישן רעפּערטואר מיט אזוי פיל דערפאָלג, האָט שוואַרץ „א טראַכט געטאָן" וועגן דער מעגליכקייט צו שפּילן העברעאיש טעאַטער. די העברעאישע שפּראַך איז שוואַרץ'ן ניט פרעמד געווען. נאָך אלס אינגל האָט ער געהאַט א נייגונג צו העברעאיש. זיין ליבע צו דער שפּראַך האָט געשטיגן מיט דעם אויפקום פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. ער האָט געחלומט צו באַזוכען דאָס אידישע לאַנד און דאָרט צו אָרגאַניזירן א טרופּע וואָס זאָל שפּילן העברעאיש טעאַטער. ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען מיט חשק העברעאיש אין יאָר 1934. ער האָט יעדע פרייע שטונדע זיינע פארבראַכט אין לערנען העברעאיש. אפילו אין דרעסינג רום אויף דער בינע האָב איך אים געטראָפן האַלטן א העברעאישן ספר. ער האָט געשריבן און צוגעגרייט א פאָרלעזונג פאַר א העברעאישן קאָנצערט וואו ער האָט געדאַרפט אויפטרעטן.

אין די יאָרן 1937־38 איז ער געווען אין ארץ ישראל. דאָרט האָט ער געגעבן העברעאישע גאַסט־פאָרשטעלונגען אין ירושלים, תל אביב און אין חיפה. אין טעאַטער „אהל שם", אין תל אביב, און אין דער מואווי „ציון" אין ירושלים, האָט ער איינער אליין פאָרגעשטעלט אויסצוגן פון דער פּיעסע „יאשע קאַלב" אין העברעאיש.

„איך בין פארליבט אין העברעאיש ווי א חתן איז פארליבט אין זיין כלה" האָט שוואַרץ צו מיר געזאָגט. זייענדיג אין ארץ ישראל האָט ער אָפּגעקויפט פון שלום עליכם'ס איידעם, יצחק דוב בערקאָוויץ, דאָס רעכט אויפצופירן אין העברעאיש די פּיעסע „טוביה דער מילכיגער" פון שלום עליכם, וועלכע בערקאָוויץ האָט איבערגעזעצט. אויף א קאָנצערט אין ניו יאָרק, לכבוד דעם 800טן געבורט־יאָר פון יהודה הלוי האָט שוואַרץ פאָרגעטראָגן אין העברעאיש „ציון הלא תשאלי" און די ים־לידער, מיט ספּעציעלער מוזיק פון שלום סעקונדע.

דער באַשאַפער פון אידישן קונסט טעאַטער טראָגט זיך ארום מיט דעם געדאַנק צו גרינדן א העברעאיש טעאַטער אין ניו יאָרק. די אידישע

געשיכטע איז פול מיט אזוי פיל העלדן, מיט אזוי פיל פּאסירונגען און אקציעס אויף יעדן געביט פון אידישן לעבן. דאָס אידישע פאָלק האָט דורכגעלעבט אזוי פיל צרות, פיינינונג און אויך פרייד; געבראכט אזוי פיל קרבנות אויף קידוש השם. טראָץ די אלע יסורים, וואנדערט ארום א שבט פון דעם מענטשליכן מין און פרעדיגט איבער דער וועלט יושר, גערעכטיגקייט, הומאניטעט, פרייהייט און ליבע פון מענטש צו מענטש. צי קען מען דען ניט פאַרשטעלן האָט די טיפן אין העברעאיש?

די אלטע, מיטלאלטע און נייע העברעאישע ליטעראטור איז אָנגעפּי־קעוועט מיט ראָמאנטיק, מיט פּאָעזי, און מיט הייסע יוגנטלעכע ליבע וואָס איז ביז איצט כמעט נאָך ניט דראַמאַטיזירט געוואָרן פון העברע־אישע דראמאטורגן און שרייבער פון דער טעאטער ליטעראטור. פאַר־וואָס זאָלן אונדזערע העברעאישע דראמאטורגן זיך ניט באמיען אָנצו־שרייבן פאר דער בינע, פּיעסן פון דעם דאָזיקן סאָרט? די גריכישע דראמאס און טראגעדיעס וואָס זיינען פארבליבן קלאסישע ווערק, זיינען פול מיט דעם לעגענדארישן לעבן פון די געטער און זייערע געליבטע, פון דעם גריכישן פאָלקס לעבן, פון פרייד און לייד וואָס דאָס גריכישע פאָלק האָט דורכגעמאכט. איז דען דאָס אידישע לעבן ניט גענוג שען און דער־הויבן מיט הויכע געטלעכע אידעאלן פון וועלכע די קינסטלערישע האנט פון א שרייבער וואָלט געקאָנט באשאפן א גרויסע קלאסישע קונסט־ליטע־ראטור?

אָט דער געדאנק גייט נאָך מאָרים שווארץ'ן ווי דער עמוד האש און לאָזט אים ניט רוען. ער לעבט אין דער ליכטיגקייט פון דעם דאָזיקן חלום און האָפט נאָך צו דערלעבן די צייט ווען זיין אמביציע און שטרעבן צו א העברעאיש טעאטער זאָל פארווירקליכט ווערן. די שולן, תלמוד תורה'ס און ישיבות גרייטען איצטער צו א נייעם דור וואָס וועט מיט דער צייט זיין באהאווענט מיט דער העברעאישער שפראך. זאָגט שווארץ — מען דארף זיך איצט שוין צוגרייטען.

פּראָטאָקאָל בּוך

פון דער

י. ל. פּרץ

ליטעראַריש דראַמאַטישער געזעלשאַפט

פון יולי דעם 9־טן ביז דעצעמבער דעם 17־טן

1915



ערשטע זייט פון פּראָטאָקאָל בוך פון דער „י. ל. פּרץ דראַמאַטישע געזעלשאַפט"

First page of the minutes of the "I. L. Peretz Dramatic Club".

ווי אזוי די דראמאטישע געזעלשאפטן האָבן אָנגעפירט זייער טעטיקייט

די מערסטע פון די דראמאטישע געזעלשאפטן האָבן אָנגעפירט זייערע געשעפטן אויף אַ סיסטעמאטישן שטייגער. די געזעלשאפט האָט געהאַט אירע פירער און פארוואלטער, וועלכע פלעגן דערווײלט ווערן פון דער אלגעמיינער מיטגלידערשאפט ווי עס פירט זיך אין אַ דעמאָקראטישן לאנד. די פירער האָבן געהאַט דעם צוטרויען פון כלל און דער כלל פלעגט אויספאָלגן די פאראָרדנונגען פון זיינע פירער און קאָמיטעטן וואָס זיינען באשטימט געוואָרן דורכצופירן די באשלוסן בנוגע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און דראמאטישע אָנגעלעגנהייטן.

די פארזאמלונגען זיינען אָנגעפירט געוואָרן לויט די פארלאַמענטארישע רעגלען פון לאנד. יעדע פראגע פלעגט פארזיכטיג און מיט ווירדע דעבאַטירט ווערן ווי עס פּאַסט זיך פאר אַן אינטעליגענטער קערפערשאפט. ס'איז כמעט ניט געווען צו דערקענען אז צווישן די מיטגלידערשאפט האָבן זיך געפונען אַ היבשע צאָל פערזאָנען וואָס האָבן ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק באַטראָטן די ברעגעס פון אַמעריקע. זיי האָבן גאָר גיך אויפגעכאפּט דעם סדר המדינה, די פירונגען פון היגן געזעלשאפטלעכן לעבן און האָבן זיך טאַקע באלד צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון לאנד.

האָב איך זיך באַדענקט אַז עס איז כדאי איינצושליסן אין דעם דאָזיקן ווערק די פּראָטאָקאָלן פון איינע פון די עלטערע דראמאַטישע געזעלשאפטן, כדי די שפּעטערדיקע דורות זאָלן זיך באַקענען מיט די איינערלעכע פירונגען פון די יוגנטלעכע דראמאַטישע קלובן.

די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן זיינען פון די ערשטע זעקס חדשים טעטיקייט פון דער „י. ל. פּרץ ליטעראריש־דראמאַטישע געזעלשאפט”, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דעם 9־טן יולי, 1915. דאָ וועט דער לייענער קומען איבער נעמען פון מענטשן, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן באַ־

